STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06327

FUN DER FREMD

Ezekiel Brownstone

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון דעם לעבן

יחזקאל א. מ. בראנשטיין

Copyright 1929

By

EZEKIEL A. M. BROWNSTONE

פון דער פרעמד

צייכנונג פון באָרים דייטש

פון דער פרעמד

דאָס ליד פון דעם וואַגאַבונד

דיר, שלום וויינער.

אין מיין עלנט אין דער פרעמד, אף דער נאַרער וועלט —
טראָג איך אום די פרייד פון א זינלאָז לעבן:
אין טראַנטעס איינגעהילט.
אין טראַנטעס איינגעהילט.

אף די נאַקעטיקע דרויסנס, וואו עס פאָארן זיך די הינט,
אין געיעג נאָך דעם אָפפאַל פון א זאַטן פרעס —
זינג איך אוים מיין ליד.
זינג איך אוים מיין ליד.

אין פריידיקע טעג פון זאַטן גענוס,
אין זוניקן גאַנג פון זוניקע טעג —
גאַל איך אוים דאָס ליד פון ברויט.
גאַל איך אוים דאָס ליד פון ברויט.

אין פאַרבענקטע בין השמשות'ן, טאָג איין טאָג אוים —
ווען עס בלוטיקן טעג אין געזאַנג פון אונטערגאַנג —
בלוטיקט אוים מיין האַרץ.
בלוטיקט אוים מיין האַרץ.

אין שטומע נעכט פון מעלאַנכאָלישן פאַרטראַכט,
ווען עס פאָארן זיך ווי הורן, טויט און לעבן איבעראַל —
וויין איך אוים מיין צער.
וויין איך אוים מיין צער.

פאַר די טויערן פון קירכן און סינאַגאָגן,
וואו עס שווארצן זיך און פאָארן, די קדושה מיט דער טומאה —
גאַל איך אוים מיין גאַל.
גאַל איך אוים מיין גאַל.

אין דעם באַשייד פון חתן־כלה גלאַנץ,
אין פרייד געזאַנג פון ערשטער נאַכט פאַרקער —
זינג איך אוים דאָס ליד פון אונטערגאַנג.
זינג איך אוים דאָס ליד פון אונטערגאַנג.

אף חרוב'ע בית עלמינ'ס אין דעם וויספער פון שכחה,
בא דעם בלאַסן שיין פון חרוב'ע לעבנס —
גייט אויף מיין לעבן.
גייט אויף מיין לעבן.

פון דער פרעמד

(א)

אף קאליפארניער בערג,
אין זוניקן ארום, באטאג —
אין קילן בלוי, באנאכט —
טראגט מיין בענקשאפט זיך ארום אין לידער,
וואס האט אין דעם „פרוט", זיך
צום ערשטן מאל גע'טובל'ט,
בא דעם דינעם אויפברוך
פון מיין אומרו.

(ב)

אין מיין לידער־וואנדער
האב איך מיינע יארן אפגעשנירלט,
אין דעם ווילדן מערב פון קאנאדא.
בא דעם אומגעריכטן אויפבלוי
פון צפון־ליכט וואונדער,
בא דעם עכא פון טארנאדא —
האב איך זיך און זיי
פארלוירן.

(ג)

אין חושכ'דיקע קעלערס,
הענגען מיינע טעג.
אין פראסטיקן ווינטער,
גליווערט מיין לעבן,
אין געזאנג פון ארבעט,
אין געזאנג פון לידער —
וואס גייען ווי א מורא אין א תפיסה אויף,
בא דעם רוף פון תליון.

(ד)

בא דעם ראנד פון „רויטן טייך"
ציטערט נאך מיין יוגנט,
וואס האט זיך אין א טאנץ אוועקגעלאזט
קעגנאיבער מעקסיקאנער ביידלאך,
אין לבנה־שיין באנאכט —
אף די וועגן קאליפארניער
אין דעם פריש פון היי,
אין א געזאנג צו זיך אליין.

(ה)

אַף די ברעטער פון אַ וואַרשטאַט,
אין אַ שעכט־הויז פון שיקאַגאַ —
וואַלגערט מיין געזונט זיך,
אין אַ געשטאַנק אַרום . .
און מיין נאָמען, אַף דער וואַנט דאָרט —
איינזאַמט אין שווייגן,
אין אַ בענקשאַפט נאָך דער האַנט
וואָס האָט אים אויפגעשריבן.

(ו)

אין אַ שיסל פון בערג
האָב איך זיך אַליין געטראָפן,
ווי אַמאָל אין בית המדרש
תשעה באב צו קינות —
מיין האַרץ האָט געוויינט,
די נאַכט איז אַן עדות —
און דער גריל האָט איינטאָניק,
אין די אויערן געגרילט.

(ז)

אַ פרעמדער בין איך אויסגעוואַקסן,
אין מיין טאַטנס הויז.
אַ פרעמדער געבליבן,
צווישן אייגן בלוט און פלייש.
איך האָב זיך פאַרלוירן,
אין דעם וואַלד פון מיינע יונגע יאָר:
אַ נייער זיך געפונען,
אין אַ פרעמדער וועלט.

(ח)

אַז די גיטאַר קלאַנגט אויף
פון דיין באַריר,
אין אַ מיידל־בענקשאַפט
נאָך דער אומרו מיינער —
גיי איך, דער פרייער —
ווי אַף אַ קייט אַרום
אין די וואונדן פון מיין האַרץ,
וואָס רויטלען זיך אין פיינען
אונטער דער לאַסט פון מיינע טריט.

פון דעם מערב לאַנד — קאַנאַדאַ

אין סאַמע מיט פון חודש מערץ,
ווען עס פרילינגט איבעראַל שוין לאַנג —
האָט אַ בייזער פראָסט־ווינט זיך אין מערב־לאַנד באַוויזן,
מיין היטל מיר פון קאָפּ אַראָפּגעריסן,
און מיט קאַלטע ריטער,
חוצפּה'דיק און ווילד — מיך אין פּנים בייז געשמיסן...

עס האָט זיך דער פראָסט־ווינט מיט אימפּעט געטראָגן,
פון רעכטס און פון לינקס
אָן רחמנות אַלץ געבייטשט...
און שניי,
בערג מיט שניי — איבעראַל פאַרזייט.

פאַר'יתומ'ט האָב איך זיך אין דער אומגעריכטער קעלט,
אין מיט פון חודש **מערץ — געטראָגן**

פון גאַס צו גאַס,
מעסטנדיק די טריט אין דעם מיט פון שניי —
ביז ענדלאַך איך האָב אין דעם ווינט זיך פאַרלוירן;
דער שניי האָט פאַרבלענדט מיינע אויגן —
איך האָב זיך דעם ווינט אָן רייד אָפּגעגיבן;
עס האָט אין זיין שוים מיך געצויגן...

מיינע באַקן האָבן זיך געדרייטלט
קעגן פּנים פון דעם ווינט;
און די אויגן, מיינע בייזע אויגן —
האָבן אין דעם ווירבל־טאַנץ פון שניי און ווינט
געפייערט ווילד,
און דאָס האַרץ מיינס האָט געשלאָגן
צו דעם ריטם פון דעם ווינט...

מיין גורל

(א)

עס האָט מיך דער גורל
פון מיין היים פארשטויסן,
בא א פרעמדן טיש
מיך פאר׳משפט זיצן;
איך האָב זיך געוועדט,
עס האָט ניט געהאָלפן —
בא א פרעמדן טיש
מוז איך שווייגנדיק זיצן...

מיינע אויגן וואכן איבעראַל און זוכן
דאָס געגאַרטע, דאָס פארלאַנגטע,
און דאָס היימישע, דאָס נאָנטע —
שווינדט אוועק און בלייבט דאָך
אין די היכל׳ען פון מיין איך פארבאָרגן...

איך וואנדער אום אן אָפגענאַרטער,
מיט מיין אומעט
אין דער האנט פון מיין געליבטער —
איך זוך א תיקון אין דער פרעמד...

(ב)

אמעריקא,
עס האָבן מיינע וואָרצלען
אף דיין ערד ניט געשלאָגן,
מיין מוטערס וויי,
האָט אף דיין ערד ניט אָפגעקלונגען,
איך האָב אף דיין ערד
ניט גע׳חלומ׳ט מיין חלום,
מיין חלום פון לעבן —
איך בין ניט־געבעטן
צו דיין טיש געקומען,
און ניט־געבעטן
וועל איך אים אויך פארלאָזן...

אמעריקא,
פרעמד בין איך דיר,
פרעמד ביסטו מיר —
אַ פרעמדע מיר וועלן
אױף אייביק זיך בלייבן...

(ג)

קאנאדא,
מיין בענקשאפט טראָגט זיך
צו די ברעגן דיינע;
צו דעםווירבל־טאנץ פון דיינע שנייען
טראָגט זיך מיין הארץ.
און די פּריירים דיינע,
ווי זיי וועקן, ווי זיי רופן,
ווי זיי רופן, ווי זיי וועקן מיך
די ווילדע פּריירים דיינע!...

מיינע אויגן
גארן, זוכן אין דער לופטן
די צפון־ליכט דיינע.
נאָך דעם אויפגאנג פון דיין זון,
לעכצט מיין הארץ — קאנאדא!
און איך גאר,
מיט איר שקיעה זיך באהעפטן.
צו דיינע שפע׳דיקע פעלדער,
שיק איך פון ווייטנס מיין ברכה
קאנאדא!
און אַ לויב
צו די קינדער דיינע!...

איך בין בארוישט
פון דיינע קאלטע צפון־ווינטן
קאנאדא!
זיך ראנגלענדיק דאָ
אין דעם נעבל פון שיקאגאָ.
צו דיינע בערג און טאָלן,
צו די טייכן און די וועלדער דיינע —
וועל איך אַן פלינל זיך טראָגן,
אין בענקשאפט צו דיר —
ביז צום טאָג פון מיין דערלייזונג,
קאנאדא, אַ קאנאדא!

צפון ליכט

דער לעצטער פראָסט האָט שוואַך זיך געזילבערט
אין א מיט־נאַכט פון אַפּריל.
עס האָט זיך די שטאָט פארהילט אין א דרימל,
בא דעם לעצטן עבאָ פון שטאָל און אייזן —
וואָס האָט אָפּגעקלונגען טעמפּ,
אין דעם וואונדער פון דער נאַכט.

א מילך בלויער פּאָס האָט אויפגעוועלט דעם צפון,
וואָס האָט אין א ים פון ליכט זיך צעווייגט
פאר די אויגן מיינע, אין קאנאדא.

איך האָב נאָך רעכט מיין קאָפּ ניט אויפגעהויבן,
און שוין האָט זיך דער ים פון ליכט
קאָלירנדיק געבארשט,
און ברייט און ווילד זיך געבוואַליעט
אין פילפארביקן שפּיל פון צפון־ליכט וואונדער,
וואָס האָט שטראָמנווייז פארטונקלט
די ערד אונטער מיר,
און אזוי מיך שטום דערהויבן,
צו דעם רייך פון דער יצירה.

מיינע וועגן

מיינע וועגן זיינען פון מיין אייגן ליכט באַלויכטן,
דער אויפגאַנג פון פרייד אין א וועלט א פינצטערער —
און כאָטש איך טרעף ניט וואָס איך זוך,
און כאָטש איך זוך ניט וואָס איך טרעף —
פאַלן מיינע בליקן עמוד ענג'דיק אין וועג,
שלאָגט מיין ערד מיט וואָרצלען אונטער מיינע טריט —
מיינע וועגן זיינען פון מיין אייגן ליכט באלויכטן.

אייביק

אייביק וועלן מיר דאָ זיין,
קיינמאָל שוין ניט גיין צוריק;
אין דעם לאַנד פון זונענשיין,
אויפגיין וועט פאר אונדז דאָס גליק.

איבעררייסן וועלן מיר,
אַלע פעדים פון אַמאָל;
זיך באַהעפטן מיט דעם שיר
פון דעם באַרג און פון דעם טאָל.

אייביק וועלן מיר דאָ גיין,
באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף;
לידער זינגען קינדיש שיין,
פון דער נידער הויך אַרויף.

מיין אָרט

... כאָטש מיין אָרט איז דאָ, צווישן אייך אויף דער ערד —
איז מיר א ניי־לעבן, אָן אייך וואו באַשערט...

איך בין בלויז א גאַסט דאָ, געקומען אהער
א ווײַלע פאַרברענגען — א ווײַלע ניט מער...

איך בין בלויז געקומען אייך זען ווי איר זיינט;
אָ, שאָטנס פון לעבן, אין שפּיל אונטער ווענט...

איך קום פון דעם עבר, פון אַלץ וואָס איז דאָ —
איך וואַנדער אין צוקונפט — אין לאַנד פון ניט דאָ...

איך בין אומפאַרענדערט, אַצינד ווי געווען —
איך זע אַלץ און ווער ניט פון קיינעם געזען...

מיין וועג האָט פון לאַנג שוין באַשטימט ווער פאר מיר;
די וועלט איז פאר מיר בלויז, אַן אָפענע טיר,

וואָס פירט מיך צום אור־קוואַל, צום גאָלדענעם ברעג —
פון אייביקן לעבן אין אייביקן וועג.

מיין געזאַנג צו מרדכי מילער

א

(1)

דיין האָב־און־גוטס, האָט אין א קעלער זיך געאײַנזאַמט,
אין א בענקשאַפט נאָך דער היימלאַכקייט
בא דיר אין הויז ;
האָסטו א הויז אזא פאר זיך גערונגען,
אַ פרעמדן ווינקל, אין אַן אייגנקייט פארוואַנדלט —
דיין האָב־און־גוטס צו זיך אויפסניי פארבעטן ;
דאָס ליד פון דלות אין דער נאַכט אריינגעזונגען.

(2)

דיינע וואונדן ליגן אָפן,
אין דער נאַכט צעשפרייט ;
דיין אומעט, אָן א סדר —
איבער דיינע נערוון גייט,
אָן אַן אויפהער, הין־און־הער —
אין דעם שפּעט פון דער נאַכט,
און סילועטן בייזע, ווי דער גורל דיינער —
ווינן זיך אין א באַגער,
אין דער ערשטער נאַכט פארקער
מיט די דאַלעט אמות דיינע...

(3)

ס'איז דיין בעט, אזוי דיר אייגן,
און די נאַכט — אזוי דיר נאָענט ;
ליגט דיין קינד, דיר קראַנק אנטקעגן,
חלום'ט איצט פון דיר און מאָנט,
וואָס עס דאַרף און קאָן ניט קריגן.

ליגסטו אף דיין בעט דעם אַלטן,
איינגעהילט אין טויזנט פּיינען ;
וואונדן נייע, פון קיינעם ניט געזען —
וואונדן נייע, פון קיינעם ניט באַרירט —
און די אומרו דיינע
וואַכט בא דיין צוקאָפּנס,
אין דעם חשך פון דער נאַכט —
באַ דיין בעט, באַ דיר —
אין דיין נייעם פּאַלאַץ,
אין דעם נייעם קבר דיינעם...

(4)

א קאַלטע לבנה קוקט אריין אין דיין הויז,
און דו צווישן דיינע שמאַטעס,
(א שמאַטע אין דער נאַכט אליין) —
רעדסט זיך דורך איצט מיט וועמען
אין א געזאַנג, א ניט־געהערט געוויין...

(5)

דו ווייסט שוין איצט ניט, צי ס'איז טאָג, צי נאַכט;
צי ביסטו איצט בא זיך,
צי גאָר א גאַסט בא וועמען?

עס האָט זיך דער אויפגאַנג
אין א גרוי פארלוירן;
— דו ביסט ניט בא זיך,
דו ביסט ניט בא קיינעם!

(6)

... אז דיין ווייב און קינד באַפאַלן דיך ביי־רע,
ווי די אומרו דיינע,
אין דעם העל פון טאָג —
עס וויינט דיין קינד,
דאָס ווייב דיינס שרייט,
און דו אין דיין בעט,
ניט דו זיצסט, ניט דו ליגסט
אין דעם קויט פון די אָפענע וואונדן דיינע —
זאָלסטו שווייגן, זאָלסטו שטומען!

(7)

ניט שפעט און ניט פרי,
איז דער טאָג היינט געקומען:
— צי האָט ער געבראַכט וואָס,
צי עפעס פארנומען?
— זיך אליין האָט ער געבראַכט;
האַלבע נאַכט זיך צוגענומען!...

שטייט דער טאָג אזוי זיך גרוי.
ווייסט דער הימל ניט פון בלוי.
און די זון —
איז היינט ניטאָ...

(8)

וואָס טוט מען אין א טאָג אזאַ,
אז וואָס דו דארפסט, דאָס האָסטו נים —
און וואָס דו האָסט, דאָס דארפסטו נים —
וואָס טוט מען אין א טאָג אזא?

וואָס טוט מען מיט אויגן, וואָס בלוטיקן
אין דער געגנוואַרט פון קינד?
וואָס טוט מען מיט א הארץ, וואָס ווערט צעריסן
בא א טיש א נאַקעטן, אין דעם אָנגעזיכט פון הונגער?
וואָס טוט מען מיט דעם הונגער, זאָג?!

ב

(1)

עס האָט זיך די נויט אין א ווינקל פארקליבן;
אן אומגעריכטע פרייד, א שפּאַר געטון אין פּנים;
און ליכטיק איז געוואָרן,
און יום טוב איז געוואָרן,
און דו ביסט אוועק אין א טאנץ!

דיין היים איז איצט דיר ליב און טייער,
דו אליין ביסט איצט דיין גאַסט!
ברענען זאָל די נויט אַף פייער,
דו, דיין פרייד — ביסט איצט דיין גאַסט!

(2)

אין א וויטן לאַנד א קאַלטן,
איז א דיכטער דאָרט פאַראַנען,
איז ער אייגן דיר און טייער;
און כאָטש מען האַלט דיך פאַר א נאַר,
גלויבט מען דאָך אז דו ביסט גרייט,
גרייט פאַר אים צו גיין אין פייער!

(3)

דו האָסט זיין בוך געעפנט מיט א קוש,
און דערביי געציטערט...
דו האָסט זיין ליד אין יובל אויסגעדונערט,
פאַר ווייב און קינד, פאַר זיך אליין —
און דערביי זיין אייגן לעבן
פאַר די אויגן דיינע, קלאָר געזען...

(4)

זיין ליד גייט אויף פּאַר דיר
אין א רייפן שפּרונג.
און דו — אין דעם ווילדן אויפברויז דיינעם,
אין א פרייד צו אים —
זיין אייגנליד, צו אים דו זינגסט.

(5)

דו האָסט דיין צער אַרויפגעשאָסן
צו די שמאַטעדיקע הימלען, היינט —
און א יום־טוב הויך דערקלערט.
טיר און פענצטער האָסטו ברייט צעעפנט,
זיך פאַרוואַנדלט אין א ליד :
אַ ליד, וואָס זינגט זיך, שטיל, אָן רייד . . .

(6)

א בייזע צונג האָט דיך אָן וואָס דערמאָנט :
דער דלות בא דיין טיר,
דין וחשבון האָט געמאָנט . . .
און דיין קינד, היינט א קראַנקס —
האָט אין פיבער הויך געוויינט . . .

אָבער שאַ און שטיל זאָל זיין !
אָדער — גאָר פאַרקערט :
זאָל זיך טון וואָס עס טוט זיך !
אים, זיין יום טוב, ניט פאַרשטערט . .

שטאָפּסטו ווייב און קינד מיט לידער,
און זיין לעבן, גיסט מיט דיינעם זיך צענויף
אין א טאַנץ א פריידיקן,
בא די אָפענע וואונדן פון דיין חרוב לעבן . .

(7)

אַט ביסטו שוין אין שטאַט —
מיט דעם ווילד פון פרייד אין דיינע אויגן
און כאַטש דו זעסט זיך אין אָן אָרון,
א גוף אָן געזאַנג —
און עס בוינן דיינע סני זיך,
בא דעם אָפּגאַנג פון דיין לעבן —

טראַנסטו שטאָלץ דיין קאָפּ
מיט פרייד אים אנטקעגן,
באַ דעם אויפלויכט
פון זיין לעבן.

(8)

האָסט דיין אָרימקייט צעגויפגעוואָרפן
אין א סדר, אין דיין הויז.
און כאָטש עס פעלט דיר נאָך דיין טיש
און די ביינקלאָך דיינע דריי,
און דער קויט פון אַלטן ערל דאָ,
גייט נאָך אויף אין א געשטאַנק צו דיר —
איז דיר גוט און וואויל
דאָ צו זיין מיט אים:
מיט
אים
אליין...

(9)

אז דער אָוונט פאַלט צו
אין א בענקשאַפט צו דיין טיר,
ווייסטו: אז עס וואַרט די נאַכט
אין אומגעדולד אף דיר.

אלע נאַכט, אלע נאַכט,
טאָגט דיין לעבן אויף אין דיר,
צווישן בערג און צווישן טאָלן
וואו דיין לעבן וואַרט אף דיר.

(10)

— לאָמיר גיין אין די בערג,
אים פון ווייטנס גריסן;
אין א יום טוב זיך פאַרוואַנדלען
באַנאַכט אף א באַרג.
און רייד — לידער פון דעם טיף פון הארצן —
אין א גריסונג צו אים שיקן.
„— און ווער עס וויל
די וואָך און זעל,
זאָל צו אונדזער יום־טוב זיך ניט גריסן!“

מיינע וועגן

מיינע וועגן זיינעןברייט און לאַנגע,
לאַנגע — ווי דער גלות פון מיין פאָלק.
אַף די וועגן מיינע, לאַנג און ברייטע —
לויכט איך ווי אַ שטערן, אין דעם הימל הויך;

אַף די וועגן מיינע, ברייט און לאַנגע —
צאַנק איך ווי אַ ליכט..

דאָס ליד פון וויין און יום טוב

קעלנער, גיס אָן פול די בעכער;
קאַרג ניט, גיב אונדז וויין גענוג;
היינט איז יום טוב, זאָל זיין פריילאַך —
חברה, ליידיקט אוים די קרוג.

ליידיקט אוים די קרוג, און פילט איר
ווידער, ווידער אָן אויפסניי;
היינט איז יום טוב, זאָל זיין פריילאַך —
ניסן זאָל דער וויין זיך פריי!

היינט איז יום טוב, זאָל זיין פריילאַך —
נעמט די בעכער אין די הענט!
קייטלט זיך צונויף אינאַיינעם,
גוטע־ברידער אומבאַקענט...

קייטלט זיך צונויף אינאַיינעם,
הויבט די בעכער אין דער הויך;
לאָמיר זיך אין אַלץ פאַרגעסן;
אַלץ פאַרגייט דאָך ווי דער רויך!

לאָמיר זיך אין אַלץ פאַרגעסן,
וויין נאָר טרינקען אָן אַ שיער;
טאַנצן, שפּרינגען, אָן אָן אויפהער —
שפּרינגען טאַנצן אָן אַ שיער...

שלמה

עס ווייסט זיין הארץ ניט פּניות
און חניפה איז אים פרעמד,
ווי עס ווייסט זיין טראַט פון ווייכן שוך ניט
און זיין לייב פון זיידן העמד.

פּראָסט און פּשוט פון געבוירן
איז זיין לעבן, איז זיין גאַנג;
פּראָסט און פּשוט, ווי נאָר מעגלאך —
פּשטות בלויז, איז זיין געזאַנג. —

מאָנטיק שטייט ער אויף באַגינען, פּרעסט, און טרינקט זיך אָן צו זאַט;
מיט אַ בולקע, און אַ ציבל, אַ גלעזל י"ש, אויב ער האָט —
זינגט דערביי זיך אויס אַ לידל, ווי אים גלוסט זיך — ווי ער וויל,
(ווי ער זאָל זיין ליד ניט זינגען, קלינגט עס רירנד, צאַרט און שטיל!...)—
און דערנאָך ערשט גייט ער שווייגנד, מיט אַ ביטול אַף דעם מויל —
זוכן אַרבעט וואו, פּרנסה — שלמה איז דערצו ניט פויל!...
וואָס עס מאַכט זיך, נעמט ער גערן, שלמה קלייבט ניט איבער, ניין! —
תמיד שווייגט ער אין זיין פּראָסטקייט; נאָך דער אַרבעט — ווי געווען.
בא דער אַרבעט שטייט ער תמיד, אין זיין עלנט טיף פאַרקלערט;
אַלץ איז אין דער פרעמד פאַרבאָטן, טראַכטן אָבער — ניט פאַרווערט!
זעט ער אָפּט זיך אין זיין דמיון, אין זיין שטעטל ווי אַמאָל;
אין זיין אייגן הויז, דעם שיינעם, לעבן גרינעם וואַלד, אין טאָל.
און זיין ווייב, די שיינע שיינדל — אין איר צניעות פּראָסט און גרויס,
מיט דעם יאָטל, נאָך אַ זויגלינג — בא דער ברוסט, בא איר אין שויס. —
אָט אַזוי אָ, האָוועט שלמה און ער ליידט דערביי אַ שרעק:
שווער איז אים צו זיין אַ פרעמדער; אין דער פרעמד פון היים אַוועק.
שלמה אָבער איז אַ גוטער, טראָגט זיין צער שטיל אין זיך,
קלאָגט זיך קיינמאָל ניט פאַר קיינעם, — כאַפּן זאָל דאָס אַלץ דער רוח!...

דאָס קינד

שלמה האָט א קינד א תכשיט — א בן יחיד יונג און שיין;
קיינער קאָן צו אים זיך גלייכן — אזא גבורה ניט צו זען!
שלמה אַרבעט ווי א טייוול, אַקערט מיט דער נאָז די ערד —
שטעלט אים צו פון פויגל מילך — כאָטש ער איז דאָס ניט די ווערט.
און דער תכשיט איז א פוילער, און א הפקר יונג דערצו;
פרעסט און זויפט און שלאָפט כסדר, שטערט זיין טאַטן נאָך זיין רו...
שלמה אָבער איז א גוטער, האָט דערצו נאָך ליב זיין קינד —
ווערט ער בייז צומאָל און שעלט אים, און פארגיט אים אויך — זיין קינד!
קויפט ער אים אַ נאַש און גיט אים, רעדט צו אים נאָך גוטע רייד:
— קינד, דו ביסט מיין טרייסט אין גלות, דו אַליין נאָר מיין באשייד...
אָפטמאָל טרעפט: זיין זון, דער תכשיט — הויבט זיך אויף און פאָרט אוועק,
בלייבט דער טאַטע שטיל פאַר'יתומ'ט; ס'האָט זיין עלנט ניט קיין ברעג.
שלמה'ס תכשיט, דער בן יחיד — לעבט און הוליעט ערגיץ וואו;
— עס האָט דאָס לעבן דאָך קיין זין ניט, לעב זשע כאָטש א חיי שעה!...
אָט אזוי אָ, לעבט דער תכשיט אין די ווייטן פון דער פרעמד;
באָרגט, און נעמט נאָר, וואו עס לאָזט זיך, און פארזעצט דאָס לעצטע העמד.
און דערנאָך ערשט אין זיין עלנט — שרייבט ער שלמה'ן קורץ און שארף:
— טאַטע, האָב אף מיר רחמנות, שיק הוצאות — מען באדארף...
נעמט דער טאַטע און פאַר'חוב'ט זיך, אין זיין צער אף זיין קינד;
שיקט אוועק אים נאָר דאָס לעצטע, איז אים מוחל זיינע זינד. —

שלמה׳ם מלאכות

שלמה האָט אַ סך מלאָכות, אַרבעט תמיד טאָג און נאַכט,
און ער וואַרפט זיך ניט מיט גאָרניט, רעדט מיט ביטול אָפּט און לאַכט
פון זיין אַרבעט, די מלאכות — פון זיין לעבן, וויסט און גרוי —
כאָטש עס בייקנט זיך און עס ציט אים, אַף דער פריי, צום הימל־בלוי.
וואו ער האָט אַמאָל אין שטעטל, באַלעגולעט אויף דער פריי;
מיט זיין אייגן פערד־און־וואָגן — אַך ווי גוט, ווי תמיד ניי!
דאָ אין גלות איז ער אָבער, גאָר א יורד, וואָס איר ווילט —
היינט אַ סטאָליאַר, פּוסט און פּאַסניק — און מיט צרות איבערפילט.
פרייטיק אָבער איז ער קעניג, פון דעם מרחץ באַלעבאָס:
שלמה איז פון באָד דער שמייסער, דאָך פאַררייסט ער ניט די נאָז!
שלמה שמייסט מיט פאַרגעניגן, האָט הנאה פון דעם שוויץ:
— ווייס מיין גוטסקייט נאַ און נאַ דיר, — בעזימט ער אַלץ שמיץ אַף שמיץ.
שלמה איז ניט קיין באַרייסער, רעכנט יעדן לויט זיין שטאַנד:
דעם אַ „דאַים“ און דעם אַ „ניקל“, דעם אַ „קוואָדער“ — מיט פאַרשטאַנד...
מיט א קרוב איז ער האַרציק, און אינטים אַזוי — א פרייד:
שמייסט און זייפט און וואַשט צוזאַמען, קאַרגט דערביי דאָך וועלכע רייד. —
שלמה איז א קראַפט באַם בעדער, ברייִנגט אים קונדן אָן א שיער:
ווער עס קומט אַליין באַזונדער — ווער עס קומט צו דריי, צו פיר —
אַלע אָבער אָן אַן אויסנאַם, רימען אים און ליבן פיל;
ער אַליין נאָר איז א שוויינער; הערט ער, שווייגט ער — ליידט ער שטיל.—

אין שלמה'ס געגנווארט

שלמה'ס געגנווארט איז הייליק, שלמה רעדט אין שוויגן שיין —
שלמה'ס פייערדיקע בליקן, דארף מען קאָנען קלאָר פאַרשטיין.
מיט א שטערן קנייטש א פּראָסטן, מיט אַ פינטל מיט אַן אויג,
מיט אַ שמייכל אַף די ליפּן, מיט אַ האַנט אַזוי אַ נויג —
רעדט פון אים אַרוים אַ מיינונג, צי א שטעלונג צו א זאַך,
וואָס יחידי סגולה קאָנען, לערנען פון דערפון א סך...
אָפטמאָל דעקט ער צו זיין שטערן, מיט זיין רעכטער האַנט אין פּיין —
און ער פייניקט זיך אין שוויגן, אַף דעם מיאוס'ן גורל זיין.
אָבער פרעמד און אומפאַרשטענדלאַך קוקט אים דאַן ערשט יעדער אָן;
זעלטן ווער עס איז מסוגל, צו פאַרשטיין דעם מיין דערפון...
שלמה'ן אָבער קימערט ווייניק אָט די פרעמדקייט צו זיין „איך“;
— איך בין אַליין א איד אַ פּראָסטער, אַרט דאָס ווייניק, ווייניק מיך!
פרעמדע קומען מיר און גייען, קיינמאָל ניט צו קומען צ'ריק,
מאַכט ניט אויס, אַזוי צי אַנדערש — עס איז געגוג איין אויגנבליק...
אָט אַזוי אַ טראַכט זיך שלמה, אין זיין פּשטות קלוג און שיין —
קיינעם אָבער קימערט דאָס ניט — קיינער קאָן דאָס ניט פאַרשטיין. —

שלמה׳ס ווייב

שלמה׳ס ווייב, די שיינע שיינדל — איז ווי ער, א שטילע טויב.
שלמה׳ס ווייב, זי ליידט און דולדעט: — „האָב הבטחה בלויז און גלויב.“ —
שיינדלס צניעות איז א וואונדער: אין איר פּראָסטקייט איז זי שיין,
כאָטש זי קען קוים עברי זאָגן, קען דאָך זעלטן ווער, גאָר שטיין
אין די דאָלעט אַמות אירע, שיינדלס מדות זיינען גרויס;
קיינער קען זיך ניט פארמעסטן, איבערשטייגן שיינדלען, בלויז
אַף א האָר, אין מדת רחמים, שיינדלס האַרץ איז גרויס און ברייט;
אַז זי קען אַליין ניט גיבן, גייט זי נאָך נדבות, גייט.
שיינדל פאָדערט, ניט זי בעטלט — פאַר די עלנדע אין נויט:
שיינדלס האַנט איז פריי פאַר יעדן — דער וואָס נויטיקט זיך אין ברויט.
פלוצים אָבער, אומערוואַרטעט — האָט א וואַנט זיך אויפגעשטעלט
אין די תהום׳ן פון איר לעבן; — שלמה און איר קינד איר פעלט.
עס האָט דער שטראָם זיי אָפּגעריסן, זיי אַוועקגעטראָגן ווייט;
עס האָט א שד פארהאַקט די וועגן, שיינדל קלאָגט, זי וויינט, זי שרייט.
שיינדלס טרערן אָבער פאַלן, אַף איר אייגן האַרץ צוריק:
— ווען מיך גאָט נאָך ווען באַגליקן, ברענגען מיר צוריק מיין גליק?
אָט אזוי א ליידןביידע, שיינדל דאָ, און שלמה — דאָרט,
שלמה פאַלט אריין אין יאוש, שיינדל אָבער, האָפט נאָך פאָרט,
שלמה׳ן מיט איר קינד צו טרעפן, ווי אַמאָל אין יאַנאָוו דאָ:
— יאָ! ... צי וועט אַמאָל נאָך קומען פון מיין פרייד, די גרויסע שעה?

שלמה ווערט א פעדלער

שלמה׳ס לאנדסלייט, פראָסטע מענטשן — זיינען אלע פעדלערס גלייך:
אלע יאָגן זיך נאָך כבוד — אלע ווילן ווערן רייך!
אלע לעבן זיי צופרידן, אלע לעבן זיי זיך גוט:
— שלמה, ווער ווי מיר א פעדלער — גיט אים יעדער אונטער מוט.
שלמה׳ן נעמט די זאַך באקלערן, טעג און נעכט און וואָכן לאַנג;
כאָטש עס רייצט דער פערד און וואָגן, וועקט אויפסניי אין אים א באַנג
נאָך זיין לעבן, דאָרט אין יאַנאָוו — אף די וועגן ברייט און פריי,
וואו זיין שטים האָט אָפגעקלונגען יאָרן לאַנג, דאָך תמיד ניי. —
שלמה׳ס פנים ווערט פארכמאַרעט, און זיין שטערן קנייטשט זיך הויך:
— זאָל דאָס גיין אין דרערד צום טייוול — קלערן מאַטערט אויס דעם מח!
שלמה שיידט זיך מיט זיין ארבעט, וואָס ער האָט בטבע פיינט —
און ער קויפט א פערד און וואָגן, מיט דער הילף פון לאַנדסלייט־פריינט.
שלמה ווערט א שמאַטע־פעדלער, שלמה׳ן אַרט דאָס ווייניק וואָס;
שלמה שיינט ווי טויזנט זונען, פון די שמאַטעס קלאָר אַרויס!
אף די וועגן די קאַנאַדער, פאָרט ער ווי אין יאַנאָוו אום;
אף די וועגן די קאַנאַדער, תפלה׳ט ער צום בורא פרום.
אין זיין הארצן נאָגט א יאוש, פיינלאַך איז זיין בליק און שווער:
— גאָט! צי וועל איך קאָנען דולדן אט די פרעמדקייט, לענגער, מער?

די שטוב

שלמה האָט אַ ברודער חיים, איז באַ אים אין שטוב דאָס אָרט,
וואו עס טרעפן זיך די לאַנדסלייט, פּלוידערן און הוליען דאָרט.
תמיד זידט באַ זיי דער טשייניק, און עס גיסט זיך פריי די טיי,
כאַטש עס פייפט אין שטוב דער דלות — פריילאך תמיד איז באַ זיי!
ווינטער זיצט מען באַ דעם אויוון און מען רעדט פון וואָס איר ווילט;
יעדן נעמט מען אויף מיט שמחה, און דער גראַמאָפאָן — ער שפּילט.
יעדער האָרעפּאַשניק חשבונ'ט די חשבונות זיינע אויס,
מיט דער הילף פון חיים'ס קינדער, דאָ באַם אויוון אין דעם הויז.
אָפטמאָל קריגט מען זיך און זידלט, שותפים זיינען דאָ אַ סך! —
מאַכט מען שלום, ווי אין חלום — שטעלט מען באַלד אַ פלעשל גלייך...
און מען טרינקט לחיים ווידער, גלייך ווי גאָרניט וואָלט געשען —
און מען פרייט זיך, מען צעשפּרייט זיך — און מען לאָזט זיך טאַנצן גיין.
פּלוצים עפנט אויף די טיר זיך, שלמה קומט פאַרשנייט אַריין —
— די כאָלעריע זאָל זיי נעמען, וואָס זאָל היינט שוין ווידער זיין?
פּאַליק אָבער, שלמה'ס ברודער — כאַפּט אים אונטער, ווי ער שטייט —
— מאַכט אַ וואָרע, שפּילט אַ פריילאַכס, אונדזער שלמה טאַנצן גייט!
שלמה אָבער בלייבט באַ זיינעם, האַלט פון טאַנצן זיך צוריק —
שלמה דאַרף קיין תירוץ זאָגן, שלמה ענטפערט מיט אַ בליק. —
דאָ געפינט זיך אויך דער תכשיט, דער בן יחיד, שלמה'ס קינד —
זעלטן אָבער ווען מען זעט אים, תמיד שלאָפט ער, — אויך אַצינד...

דעם קינדס דערוואַכונג

שלמה'ס תכשיט, דער בן יחיד — וועקט זיך ווי פון דרימל אויף;
עפּעס טרייבט אים, עפּעס רופט אים, עפּעס ציט אים הויך ארויף.
אין זיין דמיון לויכטן וועגן, ברייט און לאַנגע, בלענדנד גרויס —
און די אָרמס זיינע גלוסטן, וועמען שויסן אַף זיין שויס.
אין זיין הארצן נאָגט א בענקשאַפט, טראָגט אים אין דער ווייט אוועק:
— זאָל דאָס גיין צו אַל די רוחות, מיך באַפאַלט אַזש אָפּט א שרעק. —
שלמה'ס תכשיט, דער בן יחיד — לאָזט זיך אַף דער וועלט ארויס;
הויבט אָן נישטערן און שמעקן, ווי א חיה מיט דער נאָז —
מיט זיין חוש דערשפּירט ער אַלעס, וואָס ער גאַרט — וואָס ער באַגערט;
ווער עס טרעפט אים אַף די וועגן, לאָזט אים גערן, אומגעשטערט.
זיינע בליקן, ווילד און בייזע — שטויסן אָפּ און ציען צו:
שלמה'ס תכשיט, דער בן יחיד — ווייסט שוין איצט ניט פון קיין רו...
דאָ און דאָרט, אַף אַלע וועגן — שלייכט ער זיך ארום אַליין,
טרעפט זיך אים אין וועג א שיקסע, לאָזט ער פריי מיט איר זיך גיין.
שלמה'ס תכשיט, דער בן יחיד — שעמט זיך ניט פאַר קיינעם פאָרט:
אַלץ געוועגדט זיך אָן זיין ווילן, וואו עס מאַכט זיך, דאָ צי דאָרט! —
פּלוצים ווערט ער גאָר משוגע: שליסט זיך אָן אָן דער ארמיי.
באַלד האָט ער דערויף חרטה, דעזערטירט — אַנטלויפט פון זיי.
און דער פאָטער, שטאַרק דערשלאָגן — בלייבט צום סוף אַליין, אַליין;
שווער איז אים א טרייסט געפינען; ווייב און קינד שוין שווער צו זען. —

שלמה׳ס אומעט

שלמה׳ס הימל ווערט פארכמארעט, זיינע לײדן זײנען גרויס —
אף דער שעה פון זיין דערלייזונג, קוקט ער זיינע אויגן אויס.
אין זיין דמיון וואכן בילדער, פון די מאָרגנדיקע טעג;
אין די אויגן זיינע שווארצט זיך, ברייט און לאַנג א שווארצער וועג.
דאָ און דאָרט, אף אלע וועגן — וואַנדערט ער ארום אליין:
קיינער ווייסט ניט פון זיין צער, קיינער הערט ניט זיין געוויין.
שלמה איז א איד א פראָסטער, ווייסט ניט פון קיין שיינע רייד,
וואָס פארבלענדן דעם באוואוסטזיין, ווען צו לײדן איז באשערט.
שלמה איז און בלייבט א פרעמדער, צו די מענטשן פון ארום;
כאָטש ער גייט ניט אין קיין שוהלן, דאוונט זעלטן — איז ער פרום! —
שלמה שטייט אצינד אין מיטן, צווישן ווייב און קינד — אליין,
אפטמאָל דוכט זיך אים: ער וועט שוין אייביק בלייבן אזוי שטיין.
פלוצים אָבער, אונערוואַרטעט — צו זיין ווייטיק, זיין פארדרוס —
קומט אים אָן, א בריוו א שוואַרצער פון דער היים, פון ווייב א גרוס:
— שלמה, ס׳איז דיין ווייב געשטאָרבן דאָ פון הונגער, היינט א וואָך —
יאָרצייט איז ראש חודש אלול, שפּעטער וועל איך שרייבן נאָך...
שלמה גלויבט ניט זיינע אויגן, כאָטש אין הארצן רייסט א שרעק —
און ער פרואווט פון זיך אנטלויפן, בלייבט פארווירט דאָך שטיין אין וועג.
שלמה׳ס רוקן ברעכט און בויגט זיך, און ער זעט פאר זיך זיין סוף,
כאָטש ער וויינט ניט, כאָטש ער קלאָגט ניט — רעוואָלטירט גאָרניט דארויף...

שלמה׳ס פטירה

שלמה׳ס פנים קנייטש און קארבט זיך, און עס פארבט זיין קאָפּ זיך גראָ;
פריער, שפּעטער, היינט, צי מאָרגן — שלאָגן וועט פון רו די שעה...
זיינע בליקן פאַלן מידע, ווי אין הארבסט פון בוים א בלאַט —
און די פיס זיך שלעפּן הארבסטיק, ווי פון בלאָטע מיד און מאַט...
שלמה גוסס׳ט שטיל אין שווייגן, שלמה ווייסט: זיין סוף איז נאָנט;
שלמה הערט אַ רוף פון ווייטן: — ווייס דער טויט זיין קרבן מאָנט!...
און זיין גלייכגילט פירט אין וועג אים, באַרג אַראָפּ זיין וועג איצט פירט —
שלמה טראַכט ניט פון זיין מאָרגן, כאָטש ער איז פון דעם גערירט —
מאָרגן וועט ער מעגלאך רוען, אין דעם חלום פון דער צייט —
היינט איז ער נאָך אָבער שלמה, פאַלט זיין בליק אין ווייטער ווייט...
שלמה שפּירט אין זיך אַ שוואַכקייט, און עס ציט אים צו דעם בעט;
און ער שווייגט דערביי פאר׳עקשנ׳ט, בלויז אין שווייגן רעדט ער — רעדט!
און ער רופט צו זיך ניט קיינעם, און ער זאָגט ניט גאָרניט אָן;
שלמה שטייט שוין פאר דעם אָפּגרונט, זעט און רעדט דאָך ניט דערפון!
פּלוצים אָבער, אומערוואַרטעט! — ברעכט ער אויס אין א געוויין,
מורמלט עפּיס אומפארשטענדלאך: — זיין בן יחיד וויל ער זען...
רואיק אָבער ווערט ער ווידער, רואיק ווי ער איז געווען —
— זאָל דאָס גיין צו אַל די רוחות, וואָס עס דאַרף זאָל גלייך געשען!
פּלוצים קרומט זיך אויס זיין פנים, שלמה שוידערט אויף א שרעק! —
אומבאמערקט איז ער געקומען, אומבאמערקט איז ער אוועק...

פון אַ בריוו.—

פון די הויכע בערג אַראָפּ, באַ דעם ליכט פון זון־פאַרגאַנג —
האָב איך אין פּיין, מיין פרילינג געזען,
מיין לעבן, מיין אייגנס — אין פּיין פאַרגיין.

מאמע מיינע, זע און שטוין: —
איך האָב זיך פון דיין נעסט, מיט'ן שטראָם אוועקגעשלייכט,
אומגעריכט פון דיר אוועק —
איך האָב זיך נאָך רעכט ניט ארומגעקוקט,
און שוין —
איך האָב זיך פארלוירן אין וועג...
עס האָט מיך די צייט, געבייטשט און געטריבן,
אָן רחמנות מיך געשליידערט
פון אָרט צו אָרט —
און, וואו איך בין ביז איצט געקומען,
ניט געטראָפן האָב איך דאָרט —
אפילו דעם אָפּגלאַנץ פון דיין מאַמע־בליק
וואָס האָט מיך אין מיין וועג באַלייט.

מאמע מיינע!
פון די הויכע בערג אראָפּ, פארנאכט —
אין דעם שיין פון קאַליפאָרניע־לאַנד,
וואו עס זומערט אָן אן אויפהער, פון תשרי ביז תשרי —
ווען עס גיסט זיך אין שוויינגן
מיין הארץ דאָ צענויף
מיט דעם ריטם פון דער וועלט —
זע איך דיך, מיין ווייטע נאָענטע מאמע —
— א צעדער בוים א שלאַנקער
וואָס גרינט זיך קיינמאָל דאָ ניט אוים —
אין געלוסט צו זען דיין קינד,
מיך, דיין קינד — פאָלקאָם גרוים.

מאמע מיינע!
פון די הויכע בערג אראָפּ, באַטאָג —
זע איך דיין געשטאַלט אין דעם פנים פון דער זון.
און דו, מיין ווייטע נאָנטע מאַמע —
דו זעסט מיך און דו זעסט מיך ניט,
פון באגינען ביז פארנאַכט.
און דו, מיין ווייטע נאָנטע מאַמע —
דו טרייסט מיך און דו טרייסט מיך ניט,
פון באגינען ביז באגינען.

מאמע מיינע!
פון די הויכע בערג אראָפּ באנאַכט,
ווען עס ליגט ווי פאר'כישופ'ט, די שטאָט בא מיינע פיס,
אין א ים פון קאָלירן, אין א ים פון ליכט —
רעדט צו דיר מיין בענקשאַפט,
דורך אויגן רויט פארגאָסן —
שלאָגט פאר דיר מיין הארץ —
פאר דיר, מיין ווייטע נאָנטע מאַמע.

פרייד

(1)

כ'האָב זיך אויסגעטון פון די ליידן פון דער וועלט,
און מיין צער,
מיט א שווארצער שיף, צו א שווארצן ברעג אוועק געשיקט...

איך האָב זיך געשיידט מיט מיין אומעט דעם גרויען
און דער פרייד זיך אָפּגעגיבן...
עס האָט מיך א נעץ פון ליכט געפאנגען,
מיר פארבלענדט און געעפענט, די אויגן מיינע...

עס האָט מיין הארץ געפיבערט אָן אויפהער,
אין דער וועלט פון מיין פרייד —
און די אויערן, מיינע אויערן —
האָבן דאָס געזאנג פון מיין פרייד פארנומען...

(2)

ס'האָט דער טייך זיך אויפגע'וועל'ט פון חלום,
מיט א שטילן ניגון;
און די וועלן, חן'עווריק און פריידיק —
זיך גענומען וויגן...

ס'האָט די זון זיך כלה'דיק געשמייכלט
צו די וועלן פון טייך,
און עס האָבן זיך געוויגט די פריידן,
ארויף, אראָפּ, צוגלייך...

כ'האָב פון ברעג זיך אָפּגעקושט מיט שטורם,
אָן אומגעריכטע פרייד —
כ'האָב צום טייך, געצויגן ווי אין חלום,
אין געזאנג צו דיר אָן רייד...

ער

פון דער נידער איז ער צו אייך געקומען,
מיט אַ שטומען בליק
דאָס געזאַנג פון אייך פאַרנומען,
און אַוועק אַהין — צוריק...

צווישן טירן

צווישן טירן גייען מיר אַרום,
אַ ווײַלע דאָ, אַ ווײַלע דאָרט —
און אַז עס עפנט זיך אַ טיר,
און מאַכט זיך צו —
בלייבן מיר שוין
הינטער איר,
אויף תמיד —
דאָרט...

דו

האָסט דיין אַרבעט אָפּגעטון געהעריק,
גענומען, געגיבן
דעם לעבן, וואָס דו האָסט געגאַרט.
דו האָסט אין דעם ליכט פון דעם טאָג זיך געצווינגן
צו דעם ראַנד פון מערב,
וואו דיין בענקשאַפט האָט אויף דיר געוואַרט.

דו האָסט זיך באַשיידן מיט דעם טאָג
געזעגנט, ביינקנד שיין —
רירנד מיט דער נאַכט געטראָפן;
האָסט פיינלאַך אַ בליק הינטער זיך געוואָרפן,
אין געזאַנג פון אונטערגאַנג —
זיך אַליין דעם וועג פאַרלאָפן.

דו האָסט מיט מוט דעם טויט אַליין באַגעגנט.

אָפּענע וואונדן

מיין טאָג פאַרגייט אין שטילן צער,
די וועלט איז טויב צו מיין געוויין,
און וואָס איך טו, קיין לוין דערפאַר —
כאָטש נעם און הענג זיך אויף אַליין!...

מיין ווייב איז שלעכט און קראַנק דערצו,
דאס קינד פאַרשייט און זאָרגלאָז שיין —
און איך אַליין — איך בייַנק נאָך רו,
כאָטש שווער איז מיר צו זיין אַליין...

די צייט — זי גייט פאַראויס, און איך —
און איך מיט איר אין וועג איך שפּאַן,
און אָפטמאָל שפּאַן איך ניט, איך קריך —
איך בין אין איר און ניט פאַראַן...

מיין טראָט איז גרינג און אָפטמאָל שווער,
איך וויים און וויים ניט, וואו איך גיי:
די אויגן רויט, עס פאַלט אַ טרער —
און איך, דער נאַר — אין וועג איך גיי!

מיין וועג וואָס פירט אַרויף, אַראָפּ,
איז ברייט און שמאָל, איז קורץ און לאַנג:
אין טרויער גייט מיין פרייד דאָ אָפּ
און לאָזט מיך עלנט, לאָזט מיך קראַנק...

מיין טיש איז אָפּגעדעקט און ליידיק,
און צוגעשלאָסן איז מיין טיר:
מייזלאך שפּרינגען אום זיך פריידיק,
דאָ אין הויז, אַצינד בײַ מיר!...

אף די וועגן

אף פינצטערע וועגן, פון קיינעם געזען;
אף פינצטערע וועגן, פון קיינעם באריךט;
וואנדער איך אום — דער אומעט אליין —
פון קיינעם געשטערט, פון קיינעם געפירט.

אף ליכטיקע וועגן, פון יעדן געזען;
אף ליכטיקע וועגן, פון יעדן געפירט;
וואנדער איך אום — די פרייד אליין —
פון יעדן געזען, פון יעדן געפירט.

אין פאַרבנרייך

אין דעם פארבנרייך פון זונפארגאנג אין אויגוסט
האָט א רעגנבויגן זיך באוויזן,
און אין ליכט פון זונפארגאנג אין אויגוסט,
האָט א רעגן,
שטיל אוןווארים זיך געגאָסן...

איך האָב פון דעם רעגן געלאָזט זיך וואשן,
אין אָוונטשיין פון פרייד און ליכט —
און מיין ביינקשאפט האָט זיך אויך געבאָדן,
אין א ים פון פארבנליכט.

דער מערב האָט געלויכטן
צו דעם ריטם פון דעם רעגן,
און שטראַלן ווייכע, ליבע לעבנס־שטראַלן —
האָבן געקושט זיך בא מיר אין די אויגן
קעגנאיבער
דעם רעגנבויגן,
וואָס האָט איבער מיר זיך געבלענדט.

אַז דער ווינט

אז דער ווינט טראָגט אוועק
מיינע טעג, אין געווירבל —
און איך בלייב אליין, אַן אבל אין וועג —
גיי איך זיי נאָך, מיינע טעג די גרויע —
און
שוויִיג . . .

מיינע בליקן וואנדערן פארצווייפלט,
הין־און־הער, אזוי —
און דאָס הארץ מיינס
שלאָגט אין וועג אומבאהאָלפן,
פאר אליץ וואָס איז און איז ניט דאָ.

אזוי גיי איך נאָך
מיינע טעג ווי א שאָטן —
איך וואנדער אומבאהאָלפן
אף די וועגן פון א מדבר;
איך ווייס און ווייס ניט, ווער און וואָס איך בין ! . . .

פאר דיר

דיר, משה שוואַרצמאַן

פאַר דיר די ערד, מיט אַלע אירע רייכן,
פאַר דיר דער זין פון מיינע רייד.
פאַר דיר, וואָס האָסט צו זיך קיין גלייכן —
פאַר דיר מיין האַרץ, מיין ליד, מיין פרייד.

פאַר דיר דאָס ליכט פון אַלע זונען,
פאַר דיר די קרוין פון אַלע קרוינען:
פאַר דיר — וואָס האָסט זיך אויסגעפונען —
טויזנט לויבן, טויזנט לוינען.

פאַר דיר פון קעלער אַלע וויינען,
פאַר דיר די שפע פון די פעלדער,
פאַר דיר, וואָס ווייסט פון אַלע פיינען —
דער רויב פון אַלע מיינע וועלדער.

די שעה

ס'האָט די שעה פון פרייד געשלאָגן,
איז אַן אומעט מיך באַפאַלן:
כ'האָב די פרייד ניט אויסגעטראָגן,
זיינען פרעמד מיר אירע קוואַלן.

ס'איז די שעה פון ליכט געקומען,
האָט אַ פּחד מיך באַנומען:
ס'איז מיר פרעמד די לויב פון פרומען,
מוז איך שווייגן, מוז איך שטומען.

ס'האָט דער צער מיך געפאַנגען,
האָב איך שטיל מיין קאָפּ געבויגן:
זאָלן שטומען די פאַרלאַנגען,
וויינען, קלאָגן מיינע אויגן.

קאַליפאָרניע

א

קאַליפאָרניע!
איך בין א קינד פון קאַלטן מערב פון קאנאדא,
וואָס ווייסט ניט פון קיין רו.
איך האָב זיך געקליידט, אין שניי און אין שטורם,
דער האָגל, דער רעגן, דער פראָסט און דער ווינט
האָבן געקרעפטיקט די מוסקולן מיינע,
מיר פארהארטעוועט מיין לייב —
און א בענקשאַפט
נאָך די קאַלטע צפון־ליכט נעכט
אין מיר פארזייט אף אייביק...

דער טאָרנאַדאָ־שטורם
האָט בא מיין שוועל זיך אין אווירבל־טאַנץ געבייזערט,
און געוועקט אין מיר א בענקשאַפט
נאָך דעם אומרו פון דער וועלט.
דערפאר האָב איך ניט ליב
דיין באשיידענע רו, קאליפאָרניע —
דיין מאָנאָטאָנע שיינקייט
איז מיר דערווידער!...

ב

איך בין קיינמאָל ניט געווען פארכאַפּט
פון דער לעגענדע וועגן דיר;
די רעקלאַמעס דיינע
האָבן מיך, אהער צו דיר,
אין א בענקשאַפט ניט געבראַכט...
נאָר,
ווייל יונג בין איך און שטארק בין איך,
מיין לעבן טראָגט זיך אומעטום —
האָט מיך דער גורל, אויך אהער
צו דיין ברעג פארטראָגן,
ווי עס טרעפט,
דער ווינט פארטראָגט אמאָל אין וועג
א זריעה קערנדעל,
ערגעץ אין א מדבר —
און עס קומט דערפון ארויס
א בליאונג,
ווי א פאלם
בא דעם ראנד פון דיינע וועגן —
וואָס בליט זיך אין א גרינען אויס
קעגן פנים פון דיין זון.

ג

דיין זון גייט אויף אין א נעבל,
וואָס רייסט די אויגן אויף פון פרעמדן
אין פארוואונדערונג.
דו ביסט ווי א זונה
וואָס גרויסט זיך מיט איר לייב,
א שלאַנג,
וואָס רייצט מיט איר שיינקייט,
ציט־און־שטויסט דיך אָפּ
אין דערזעלבער רגע.

דיינע פּאַלמען,
אין שטויב איינגעריכט —
גרויסן זיך אין פוסטער גאוה,
קעגן פּנים פון דיין זון . .
און ווען ס'איז הייס,
מען זעט ניט דיין זון —
דוכט זיך, דו פּאָרסט זיך,
א הונט מיט וועמען !
עס ברוגזט זיך דיין הימל,
עס שווייסט זיך דיין לייב,
דו פּאָרסט זיך מיט וועמען —
א מאַן מיט א ווייב ! . . .

ד.

אין נעבלדיקע טעג
ווען דיין ערד איז נאַס,
ווי דאָס קישן פון א בר מנן
באַלד נאָך זיין גסיסה —
און עס וואַסערט זיך א וואַסער־שטויב
שטעכעדיק, דריבנע,
אין־און־איבער דיר —
שטייען באַוועגלאָז די פּאַלמען דיינע,
מומיעס טויטע, אָן לעבן, א שרעק ! —
און די בערג, דיינע שטאָלצע בערג —
קניען אין נעבל, אין תפלות פאַר דיר,
פאַר דעם אויפגאַנג דיינעם ! . . .

ה.

אין דיינע שיינע בערג
נעסטלט זיך די זינד פון אלע שטאַאַטן ;
אַז עיר מקלט ביסטו, פאַר די יורדים
פון אטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק.
און באַם גלאַנץ פון זייער אָפּשיין,
אין דעם כאַאָס
פון געיעג נאָך גאָלד —
וועלקן דיינע בלומען,
צאַנקן דיינע ליכט,
די באַשיידענע מענטשן, די ווינציקע דיינע . . .

די לבנה, איך, און יעהאָוואַ

דו הייסט שוין ניט לבנה,
נאָר אַן אָפּגעדרעקטער טאָפּ מיט זויער מילך
וואָס רייצט דעם אַפּעטיט פון קעץ...

אין דעם יונגנטלאַכן רייף פון מיין אויפבלי,
דאַרף איך דיך מער פאַר קיין עדות ניט האָבן
צו דער בליאונג פון דעם ריטם פון מיין האַרץ...

ווען איך צעוואַלגער אַף מיין זינדיק בעט זיך,
אין אַ געזאַנג פון פשטות צו מיין שעפּפעריש איך —
פאַרגראָבסטו זיך אין בושה, דו אָפּגעדרעקטער טאָפּ מיט זויער מילך —
אונטער דעם צודעק פון וואָלקן,
און עס קומט דערפון אַרויס אַ צווילינג;
אַ ברכה פאַר מיר אין מיין ערדישקייט,
דער אויפגאַנג פון מרידה —
אַ קללה פאַר דיר אין דיין הימלישקייט,
די הכחשה אין דיין קעניגרייך...

און דו יעהאָוואַ, אַ גאָט פון מיינע אָבות! —
מיין קינד,
ראָם לעבעדיק געזאַנג פון מיין פּלאַקאַטן־ליד —
וויל דיך שוין מער פאַר קיין שפּילצייג ניט האָבן,
און אַף דעם וועג צו מיין דערלייזונג,
אין דעם מאָרגן־רויט, באַגינען —
לאָז איך דיך פוילן צווישן מיין אַלטוואַרג,
איך, בראַנשטיין, פון דער נייער צייט אַ קינד.

פון מיינע טעג

אַזוי וועט דאָס זיין —

די זון וועט זיך באווייזן
אינמיטן דער נאכט,
און שפייען מיט אייזן,
פאר אונדז ניט געדאכט —

און שפייען מיט פייער,
און שפייען מיט גלוט;
אַז צאָלן וועט טייער
אַ יעדער, מיט בלוט —

די ערד וועט זיך וויגן,
אהין און אהער;
און מענטשן, ווי פליגן —
וועלן פאלן שווער...

ביז קיינער וועט בלייבן,
ביז אַלץ וועט פארגיין;
מיט בלוט וועט זיך שרייבן
בראשית אליין...

אין דער שעה פון מיין שקיעה

עס דערנענטערט זיך די שעה,
פון דעם סוף, פון מיינע טעג ;
עס פארוואָלקנט זיך מיין פּנים
און איך פרעג :
— וואוהין פירט דער וועג ?...

שווייגנדיק פאַלן מיינע בליקן
אַף אַלץ וואָס ארום ;
פיינליך שלאָגט מיין הארץ
אין דער שעה פון מיין שקיעה,
וואָס נענטערט זיך, און איז שוין דאָ ;
פון גרויסן פיין, די גרויסע שעה !...

מיינע גלידער גרוילן אין א קעלט,
וואָס שוידערט אָן אן אויפהער,
כאָטש ווארים איז מיין קאָפּ
און זודיק איז מיין טרער —
פאר די אויגן שוועבן בילדער און געשטאַלטן
און איך וויים נים, ווער איז ווער...

צו די אויערן טראָגן זיך געזאנגען
און יללות אָן א סוף ;
אין די אויגן פערלען זיך טרערן
אַף מיין פארגאנגענעם גליק,
וואָס וועט שוין נים קומען צוריק...

און עס נענטערט זיך דער עבר,
נענטערט זיך אין שטיל צום הארץ ;
און עס פאלט אַף מיר א פּחד,
דער פּחד פון דער נאכט —
וואָס פליגלט זיך פאר מיינע אויגן,
איבער מיר, און טיף אין מיר אליין —
קיינער הערט נים מיין געבעט,
קיינער וויל מיך נים פארשטיין...

צווישן טויט און לעבן

איך האָב אים געזען אין די טעג פון מיין אומעט,
ווען גרוי און פארוואָלקנט, געווען איז די וועלט:
עס האָט זיך א וואָגן, א גרויסער, א שווארצער,
א גרויסער, א שווארצער — אין וועג אָפּגעשטעלט.

און ער, אזא שטאַרקער און הויכער, א בייזער,
מיט אויגן צוויי גרויסע, די שארף פון א שווערד —
איז האסטיק פון דאָרטן ארונטער מיט צאָרן,
ארונטער מיט צאָרן, צו אונדז אויף דער ערד...

און איידער ער האָט נאָך זיך געגצלאָך באוויזן,
באוויזן פאר אונדז, אין זיין נאקעט-געשטאלט —
שוין האָט זיך פון ווייטנס דערהערט אזא קלאָגן,
א קלאָגן פון לעבן, וואָס גייט און עס פאלט...

עס האָט זיך דער הימל, נאָך מערער פארוואָלקנט,
אז שווערער געוואָרן איז מיר אויף מיין הארץ;
עס האָט זיך דער טויט, ווי א טייוול באוויזן,
אז שווארצער די וועלט איז געוואָרן פון שווארץ...

עס האָט זיך דערהערט א טייוולאָניש געלעכטער,
א וויינען, א קלאָגן, פון גרויס און פון קליין.
פון מזרח און מערב, פון צפון און דרום —
עס האָט זיך דער טויט נאָר, דער טויט נאָר געזען!...

איך האָב מיינע תפלות, געשיקט צו דעם בורא;
געוויינט און געבעטן, פאר דעם וואָס איז דאָ.
איך האָב מיינע אויגן, געמאכט דאַן פאר קוואלן,
דאָך ווער האָט געענטפערט: קיין גאָט איז ניטאָ!...

איך האָב זיך פאר׳שיכור׳ט מיט מיינע רעיונות:
געקעמפט ווי א טייוול, מיט זיך דאַן אליין.
איך האָב אים געזוכט אין דער טיף פון מיין הארצן,
ביז כ׳האָב אים געפונען, ביז כ׳האָב אים דערזען.

איך האָב אים דערזען, אין געשטאַלט פון א טייוול,
וואָס קעמפט און פארלענדט נאָר, וואָס ער אליין שאַפט;
איך האָב זיך פארטראַכט אין זיין געטלאכן אויסזען,
און איך בין געבליבן, דערשטוינט און פארגאַפט...

איך האָב זיך פארשעמט פאר דעם גאָט, וואָס אין מיר איז,
געשעמט אין די אויגן זיך קוקן אליין —
איך האָב צו דער ערד זיך געוואָרפן מיט צאָרן,
דעם טויט געלאָזט הערן מיין יאָמער־געוויין...

איך האָב ווי א שלאַנג זיך געוואָרפן אָן אויפהער:
געליארמט, געשטורמט, א שרעק, א געוואַלט!
ביז ס'האָט זיך פון וויטנס, א ריטער באוויזן,
א ריטער באוויזן — אין ווייסן געשטאַלט.

עס האָט זיך דער ריטער, גענענט און דערנענטערט,
ביז ענדלאך ער האָט מיך דערגרייכט מיט א פרייד;
„גענוג שוין דיר וויינען, גענוג שוין דיר קלאָגן,
דאָס לעבן האָט לאַנג שוין די פליגל צעשפּרייט!"

„דער טויט איז פון לאַנג שוין אריבער די גרעניץ,
די ערד האָט פון לאַנג שוין איר מויל צוגעמאַכט:
עס איז שוין דער אומגליק, פון לאַנג שוין פאַראיבער,
עס איז דאָך פון לאַנג שוין אריבער די נאַכט!..."

די ווערטער די גוטע, זיי זיינען געפאַלן
אף מיר, ווי דער טוי אף דעם גראָז פון דעם פעלד;
איך האָב מיינע אויגן צופרידן געעפנט,
און דאן אף די פיס זיך אויפסניי אויפגעשטעלט.

איך האָב זיך געגריסט מיט דעם לעבן, דעם יונגען —
און דאן ווידער שטאָלץ אויפגעהויבן מיין קאָפּ;
עס האָט מיך דער ריטער, מיט זיך איצט גענומען:
מיר זיינען אין לעבן אוועק אין גאַלאָפּ!...

טעג

כ'האב אזעלכע טעג אין לעבן,
ווען איך שפיר ניט קיין פארלאנגען;
ווען איך האף ניט און איך בייגק ניט,
און איך ווייס ניט פון קיין באנגען.

איך גיי אליין אזוי ארום זיך
אף די וועגן שטיל שפאצירן;
און איך לאז זיך פון די וועגן,
איינזאם פון די וועגן פירן.

שלאג איך אן זיך אן מיין שאטן,
שטעל איך זיך ניט אפ — גיי ווידער;
און איך גיי אזוי אין וועג זיך
זינג א שטילער מיינע לידער.

שעה'ן.

אין א בייזער שעה
ווען אויפגערעגט איז מיין געמיט
און די אויגן מיינע, גרויסן זיך אין שרעק,
טראגן זיך שאטנס פארביי מיינע אויגן,
וויגט זיך מיין הארץ אין א ים פון געפילן —
אין א בייזער שעה.

אין א בייזער שעה
ווען אויפגערעגט איז מיין געמיט,
ווער איך ווי א פעדער פון דעם ווינט געטראגן
אין די ווייטן פון דעם רוים;
איך ווארף זיך מיט צארן אהין און אהער —
אין א בייזער שעה.

אין א בייזער שעה
ווען אויפגערעגט איז מיין געמיט,
רייכט זיך א קללה פון מיין הארץ ארויס,
פאר דעם וואס איז און איז ניטא...
שניידנד פאלט מיין בליק, אף אלץ וואס ארום איז —
אין א בייזער שעה...

אין א פארנאכטיקער שעה
ליגט דער קראַנקער, הילפסלאָז
צו זיין בעט צוגעשמידט,
און שווייגט אויס א ליד
פון צער און צאָרן,
צעשוואומענע גראָ —
וואָס זעצט אַף זיין געמיט זיך אָן
און שטערט אים שטיל זיין רו...

אין א פארנאכטיקער שעה
ליגט דער קראַנקער איינזאַם אַף זיין בעט,
און רעדט
פון היץ, צי גלאַט אזוי צו זיך אליין —
זיינע אויגן פייערן און טרערן
אין געבעט;
קיינער אָבער, קיינער —
פארנעמט ניט זיין געבעט...

אין א פארנאכטיקער שעה
מערן זיך די ליידן פון דעם קראַנקן,
עס טראָגן זיך קלאַנגען צו אים פון דערווייטנס;
קלאַנגען פון ווייטן אמאָל —
מיט יאוש קוקט דער קראַנקער, מיד און דערשלאָגן —
פון זיין קראַנקן בעט ארויס,
זיינע בליקן אָבער, פאלן
צוריק, אַף זיין שוים —
אין א פארנאכטיקער שעה.

אין א פארנאכטיקער שעה
נאַרט דעם קראַנקן אַפּ זיין דמיון...
אָוונט סילועטן
פארבייט ער אַף געסט,
און רעדט ווי פון חלום,
אָן אויפהער
אָן זין —
פארשטייט ניט דעם חלום פון היציקן קאַפּ —
אין א פארנאכטיקער שעה...

דאָס ליד פון טויט

א האַנט האָט מיך פון שלאָף געוועקט ;
פון דרימל מיך אַרויסגעפירט ;
דורך טעג און נעכט אין מיר געוועקט
דעם פיין פון טויט, וואָס האָט גערירט

מיין גאַנצן איך, אַ מיין געמיט ! —
וואָס האָט זיך בלויז אין שרעק געהילט ;
כ'האָב אַלץ געדענקט, פאַרגעסן אַלץ —
די ערד שוין לייגנער ניט געפילט . . .

די האַנט האָט מיך געפירט, אַ שרעק —
באַם ליכט פון מיינע יונגע טעג, —
און שטריינג צו מיר גערעדט, מיין גאָט ! —
— פאַרגעס נאָר אַלץ, נאָר גאָרניט פרעג ! . . .

עס האָט זיך פאַר מיין בליק געשפרייט,
אַ שאָטן אין אַ ריז־געשטאַלט ;
אַ ווייסע שרעק, אָן הויט, אָן ביין —
וואָס קושט זיך צו מיין לייב און פאַלט

אַף מיר אַרויף, אַ טויטן־שרעק —
און עסט זיך אין מיין לייב מיר איין ;
די אויגן מאַכן מיר זיך צו,
און אויסגעלאָשן ווערט גאָטס שיין . . .

עס שטילט זיך איין אין מיר מיין בלוט,
אַ בלייבער ליג איך אַף דער ערד ;
און שאַ און שטיל, איז שוין אַרום,
מיין אייגנאיך פאַרגעסן ווערט

פון מיר אַליין, פון אַלץ אַרום —
ווי קיינער וואָלט דאָ ניט געווען —
עס טראָגט דער ווינט מיך וואו אוועק,
פון קיינעם ניט געהערט, געזען . . .

די טעג פון מיין אומשולד

געבענטשט זאָלן זיין די טעג פון מיין אומשולד,
וואָס וועלן שוין קיינמאָל ניט קומען צוריק.
אייביק זאָל לויכטן דער שטערן פון עבר,
פון ליכטיקן שיינעם פארגאַנגענעם גליק.—

אַ קינד בין איך פון ריינעם אומשולד,
איך גיי און ווייס ניט, וואוהין איך גיי;
מיך ציט צו אַלץ וואָס שיין און ריין איז,
אַלץ באוואונדער איך, וואָס נאָר איך זע.

איך שטעל זיך אָפּ און קוק אַף אַלעס,
רעכטס און לינקס, ארויף און אויך אראָפּ —
עס ווינקט צו מיר די זון פון הימל,
און מיך ציט אויך אין דער טיף פון גרוב...

איך טראַכט פון גאָרניט, בלויז איך האַנדל —
ווי איך פיל און ווי ס׳איז מיין פארלאַנג —
און וואָס איך גאָר באַצווינג איך רייצנד,
אָן אַ פאָרגעפיל און אָן אַ באַנג.

נאָך מיין טויט

דעם אנדענק פון ראובן לודוויג.

באַליידיקט וועט שטיין וואו אַ בענקל,
אַ פעלן וועט אייך מיין פּערזאָן!
איר וועט מיך באַדויערן, באַקלאָגן —
דאָך זיצן וועל איך אויבנאָן!...

עס וועט מיך אַ חבר דערמאָנען,
אַ צווייטער אין דמיון דערזען —
און איך וועל באַזונדער זיך זיצן
אין טרויער, און שווייגן אליין...

עס וועט ווער אַ ליד מיינע לעזן;
זיין שטים וועט זיך הערן, קוים, קוים.
מיין אָפּזיין וועט דאַן זיך פארוואַנדלען
פאַר אייך, אין אַ גלענצנדן טרוים...

צו אַן עקר

אין דעם רייך פון מיין אויפגאַנג,
אין אייביקן רייף —
איז קיינמאָל דיין גאָרטן אין בלי ניט געשטאַנען.

אין געזאַנג פון מיין שניט
אויף באַלאָדענע פעלדער,
אין פריידיקן אויפפראַל פון שפע־געזאַנג —
האָט דיין מי אין פעלד, קיין תיקון ניט געפונען,
פון קיינעם באַדויערט,
פון קיינעם באַ'צער'ט.

אין דעם תאווה'דיקן פרוכטבאַר פון מיינע ליבעס־נעכט,
פאַרגייען דיינע נעכט
אין אַ פוסטן געראַנגל פון אַ פרומען וואונטש...

אין דעם זוניקן אויפגאַנג פון מיינע מאָרגן־טעג,
ווען עס יובל'ט די פרוכט פון מיין זאַטן זיין —
גייען אויף דיינע טעג
אָן אַ מאָרגן־פרייד חלום,
היינט ווי נעכטן, און מאָרגן פונקט ווי היינט!...

מיין האָב און גוטס

איך וועל מיין האָב און גוטס, אויף אייך ניט לאָזן
הינטער זיך, אזוי —
איך וועל זיך מיען מיינע אוצרות זאַמלען,
ביז אין גרויען גרוי...

איך וועל די אויגן מיינע, לאָזן אָפן
ביז און נאָך דעם סוף.
איך וועל מיט גבורה זיך פון תהום'ן רייסן
צו דער הויך — אַרויף!

דאָס ליד פון אונטערגאַנג

אין דער שעה פון מיין שקיעה
וועט אומעטיק שיין, די זון פון מיין עבר
אין א שטראַלן־טאַנץ פאר מיר זיך ציען,
און אזוי —
אין שוויגן פאר מיר זינגען
דאָס ליד פון אירע לידער...

מיט טרעריקע אויגן
וועל איך אַף איר די בליקן מיינע וואַרפן,
פון מיין קראַנקן בעט ארויס,
און מיט א שלאָגנדיק האַרץ
מיין לעצטע ברכה צו איר שיקן,
ווי די שפּעטע אָוונט־זון
שיקט, איר לעצטן שטראַלן־קוש דער וועלט...

אין דער שעה פון מיין שקיעה
וועלן פּיינלאַך מיינע בליקן פאַלן,
אַף דעם פּנים פון מיין לעבן ;
די ליפּן מיינע,
וועלן קאָנוואולסיוו צום לעצטן מאָל צו דעם זיך ציען,
און אזוי זיך —
אין דעם ליד פון אונטערגאַנג פארגיין...

אין דער שעה פון מיין שקיעה
וועט זיך זינלאָז א פארלאַנג אין מיר דערוועקן,
צו דעם לעבן פון א קינד,
וועמענס מאָרגנטעג פּאָראויס זיך ציען,
מיט דעם רויש־געזאַנג פון א שטילן טייך —
און איך וועל אין ווידערשטאַנד
אין פּיין פארגיין...

דאָס ליד פון בטחון

אין דעם עצבות'דיקן גאַנג פון מיינע
יונגע טעג,
וואָס קנוילן זיך אין פיינען באַרג אַראָפּ —
פּראַלן זיך די טיר און פענצטער מיינע אויף,
פאַר דעם ליד פון אויפקום.

בא די אבל'דיקע שוועלן מיינע, גוססט שוין דאָס לעצטע ליכט
פון הבל הבלים'דיקן גרויל,
אין א געזאַנג פון אונטערגאַנג...

אין די ווינקלען פון די אויגן מיינע,
טאָגט שוין אויף באַגינען־פרייד;
און פאַר־און־איבער מיר גייט אויף,
דאָס ליד פון בטחון!...

דאָס ליכט פון דער צוקונפט

1

דורך די נעבלען פון דער נאַכט,
אין שטויב פון דעם עבר —
וואָס וועט זיך בלענדנד נאָך שטויבן
אַף מיינע סאַנדאַלן,
וועל איך מיין ליכט
אַף אייך לאָזן פאַלן...

צעשראָקענע וועט איר זיך
וואונדערן און פרעגן:
פון וואַנען איך קום און וואָס איך ברענג,
אייך, אייביק־זוכנדע;
פון וואַנען איך קום און וואָס איך ברענג,
אייך, אייביק פלוכנדע...

און שטיל וועל איך זיך ריזלען
אין אייער זעעלן־געדיכט,
צווישן אייך וועל איך זיך ציען,
ווי א לבנה־שטראַל —
איר וועט ניט זען, דאָך פילן, פילן,
מיין פריידנגוס, מיין גאַל...

2

א שטילער וועל איך צו אייך קומען,
א גרויער־און־א־יונגער, מיט א ווייסער־שווארצער באָרד...
מיט קנייטשן אַף מיין פּנים,
צייכנס פון דעם עבר, צייכנס פון איצט —
איך וועל אייך פארבייגיין, אייך גאָרניט, ניט זאָגן,
בלויז קוקן אַף אייך וועל איך מיד;
איך וועל אייך פארבייגיין, אייך גאָרניט, ניט זאָגן,
איך, נאָך־ניט געזונגענעם ליד...

און איר, דערשטוינטע, וועט איר שטיין און קוקן
ווי איך, אין מיין באשייד —
וועל זיך רייצנד פאר אייך ריזלען
ווי א זונען־שטראַל א שיינער;
מיט קנאה'דיקע בליקן וועט איר פאָרשן, פרעגן,
ווער אזוינס איך בין דער איינער.
און אז עס וועט אייך ווער דערציילן
וועט איר קריצן מיט די ציינער...

3

שטראָמנדיק וועט מיין פרייד צו אייך זיך ציען,
מיט א הילכיק הויך־געזאַנג,
אז אַלע וועט איר ווערן מיטגעריסן,
ווי פון לעבנס־שטאַרקן דראַנג...

איך וועל פון אייער איינגעווייד זיך ציען,
ווי א ליכט, פאר זיך אליין,
און איר וועט פארוואונדערט, מיט מיר שווייגנד,
אין מיין וועג אויך שטיל מיטגיין...

נעכט

נעכט —
שלאָפלאָזע נעכט פון פיינלאכן פילן
באהערשן מיך אָפט.
איך ליג אין דעם חשך מיט אָפענע אויגן,
און טראַכט אומבאהאָלפן
פון גאָרניט — פון אַלץ...

א

אַף די שויבן פון מיין פענצטער
גליטשן זיך עכאָס
פון דער רואָזער שטאָט...
און איך, אזא שטילער —
איך זוך, און געפין ניט
קיין זין
אין די עכאָס פון דער רואָזער שטאָט...

ב

אין דעם חשך פון דער נאַכט
האָב איך א דריק געטון א קנעפּל,
און ליכטיק אין תיכּף געוואָרן דערפון!
איך האָב די שעה פון דער נאַכט
אַף מיין זייגער באמערקט,
און תיכּף אָן איר זיך פארגעסן...
איך האָב זיך פארטיפט
אין א בוך, אָסקאר ווייַלד'ס —
און תיכּף אָן זיך אויך פארגעסן...

ג

דער זייגער
טיק טאַקט אָן אָן אויפהער,
צו דעם ריטם פון מיין האַרץ.
און איך זינג אין חושך, די לידער מיינע —
די לידער פון דער נאַכט..

ד

אין שלאָפלאָזע נעכט פון פיינלאכן פילן,
דערמאָן איך זיך אָפט אָן אמאָל...
איך טראָג ווי א ווינט זיך
פארביי מיינע טעג,

וואָס זיינען אוועק ווי אין חלום —
און קומען אין דמיון
צומאָל נאָר צוריק . . .
איך שטיי פאַר די טעג פון מיין עבר
מיט יראה,
אזוי ווי עס שטייט א כהן פאַר גאָט —
און תפלה אָן ווערטער פאַר זיי צו דעם בורא,
ער זאָל זיי מיר שענקען,
מיר שענקען צוריק . . .

ה

מיטנאַכט —
עס מאַכן זיך צו מיינע אויגן,
און עפענען זיך ווידער
אין האַלבן דרימל . . .
עס קריכן שאָטנס אויסגעצויגן,
ניט־געזונגענע לידער —
און וועקן אויף אין מיר באַגערן,
ביז איצט אומבאַקאַנטע —
און לאָזן מיך א הילפסלאָזן
אין דער מיטנאַכט ניט רוען . . .

ו

עס ווייסן זיך די שויבן;
א נייער טאָג קומט אָן —
און איך, אומבאַהאָלפן —
איך וואַרט אַף דער שעה
פון רו . . .
איך וואַרט און פרעג: צי וועט זי קומען?
און זי —
זי איז, און איז ניטאָ.

מיינע בליקן
פאַלן איבעראַל און זוכן,
א שפור פון איר קומען.
די נאַכט פאַרשווינדט,
דער טאָג קומט אָן,
און זי איז אַלץ, נאָך אַלץ ניטאָ;
זי איז נאָך אַלץ ניטאָ —
די רו . . .

א שולדיקער

א שולדיקער שטיי איך בא די טויערן דיינע,
מיט אויגן אָפענע און א ווייטן בליק.
פון מיין רוקן ווײנט אראָפּ די חרטה מיינע,
וואָס קייטלט זיך פיינלאך אין א לעצטער בריק

צו דיר מיין עקשנות, אין דעם אויפשטאָלץ אין דיינעם,
מיט שטורקאצן רויטע אין דיין וועג פאָראויס,
וואָס בלענדט ווי די זון אין דעם אויפגאַנג אין דיינעם,
שטאָלץ פון אלע דורות, אף דעם לעבנסשויס.

א שולדיקער שטיי איך אין די מחשבות מיינע,
און שווייגנדיק בעט איך אָן ווערטער: — פארגיב.
און הער איך דיין הימן, דאָס ליד פון קאָמונארן —
ביסטו און דיין משפט מיר טויזנט מאָל ליב...

איך

(א)

איך בין די האַרפע פון דער וועלט,
אף וועמענס סטרונעס דאָס לעבן
שפּילט אויס איר ליד.
מיין האַרץ איז אַ קבר,
וואו אַלע טריבע לעבנס־טענער
ווערן אַף אייביק פארשטומט...

(ב)

מיין גורל איז צו ליידן
פאַר זיך, פאַר דיר, פאַר אַלץ, פאַר אַלע —
ביז צום סוף פון מיינע טעג...

(ג)

איך בין דער עדות פון דעם ציל פון אַלע צילן,
אַף מיר ליגט דער שטעמפּל פון אַלע דורות.
אַף מיין קאָפּ ליגט דער צאָרן פון גאָט אויסגעגאָסן;
די גאָל פון דעם סוף ליגט אין מיר פארגראָבן...

דאָס ליד פון חרטה

כ'האָב חרטה אױף מײן לעבן,
אױף מײן נעכטן, אױף מײן הײנט:
כ'האָב ניט ליב די װעלט, די גרױע —
און מײן מאָרגן האָב איך פײנט.

כ'בין שױן מיד די טעג צו צײלן,
װי אַ בעטלער אין זײן װעג —
כ'װאָלט שױן גערן גיכער װעלן
אין דעם לאַנד פון נאַכט אַװעק.

װאו עס ציטערט מער דאָס האַרץ ניט,
און די אױגן זײנען בלינד:
און די אױ'רן זײנען טױב שױן,
צום גערױש פון לעבנס־װינט...

כ'האָב חרטה אױף מײן לעבן,
כ'װיל אין װעג שױן מער ניט גײן:
זאָלן מײנע טעג צערינען,
אין דעם כאַאָס פון געשען.

והיה באחרית הימים

און אז דער טאָג פון משפט װעט קומען,
װעט גרױס זײן מײן װאָרט;
איר װעט הערן מיט מורא און שטומען,
דאָס ליד פון גענאָד.

און אז דאָס װאָרט פון משפט װעט שאַלן,
װעט זײן מײן באַשײד:
אַז עס זאָלן די טירן זיך פראַלן
פאַר יעדן, מיט פרײד!...

אָװנט

מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט
שפּאַן איך יאוש'דיק אין װעג,
אַהין —
צום אָנפאַנג.

שפוך חמתך

מיין שנאה צו דיר, איז בלוטיק טריפנדיק,
דער שרייענדיקער הונגער פון א וואָלף —
מיין שנאה צו דיר, איז ווילד און צאָרנדיק —
דער אימפעטיקער ברומען פון א לייב. —

וואך אויף מיין הארץ אין א קראכנדיקער קללה,
וואָס קנוילט זיך איבער אלץ מיט דער מורא פון א דונער ;
פויסט אויף מיין האנט,מיט דער גבורה פון א לעמפּערט—
פארטיליק דעם שונא, אונטער דיינע הימלען — גאָט ! . . .

דורך דער בלינדקייט פון דער נאַכט

דורך דער בלינדקייט פון דער נאכט
טראָגט זיך מיין אומרו,
דער כוואַליעדיקער אויפברויז פון אונדזער צייט —
אין ווילדן גאלאָפּ.

דורך דעם חושך פון דער נאכט
מאָרגנט אויף מיין פרייד,
דער אויפבלי פון א נייעם דור —
אין א געזאנג צו דעם וואָס שאפט.

פון מיינע טעג

אין דעם כסדר׳דיקן אויפשטייג פון מיינע טעג די יונגע
וואָס טראָגן זיך אַף פלאכן אומבאקאנטע,
פלאַמען אויף פּאָר מיר מרידות,
פרייד־געזאנגען לאנג געגארטע.

דורך די נעבלדיקע ווייטן, אין דעם כאָאָס פון יצירה —
אַף גליטשיקע וועגן, אין גלאנציקן שיין —
רויט זיך אין אויפגלאַנץ פון מיין באגינען־שירה
דאָס ליד פון מרידה.

מיין אָוונט־געזאַנג

מיין אָוונטיק געזאַנג, גייט אויף צו דיר אין פּיינען,
וואָס קוקן פון מיין אָנגעזיכט, מיט שטאַרן בליק אַרויס;
און כאָטש עס חוזק'ן צו מיר, פון טאָג די שיינען,
גלוטיקט דאָך מיין צער, אין א בליאונג אף דיין שויס!...

איך האָב דעם כוס פון זינד, אינגאַנצן אויסגעליידיקט,
מיט דעם ליד פון מיין באַ'מאַנ'ונג, דיך געאַנדערשט גרינג;
און כאָטש דו האָסט אין אויפקום, זיך געשעמט, באַליידיקט —
האָסטו אין דער מרידה, צוערשט געצאַרנט פלינק...

מאָרגן

מאָרגן וועל איך קומען א געלייטערטער
פון גאָט באַזעלט...
מיט א זון אף מיין פּנים,
א פייער אין די אויגן...

אף די ליפּן מיינע
וועט זיך הייליקן א ברכה,
פאַר דער מאָרגנפרייד וואָס קומט...

די זון פאָראויס, איך נאָך איר —
וועלן פריידיק באַלויכטן
דעם וועג צו אייער גליק.

נביאות

פון מיין פאַר'עקשנ'ט פּנים
קוקט אַראָפּ די זעאונג
פון א ווייטן לעבן.

פאַר די בליקן מיינע
שפּרייטן זיך וועגן אין רחבות,
פאַר די וואָס וועלן
אין אומקום קומען.

דאָס ליד פון דעם ניט געבוירענעם

די מוטער:
נײַן מאָנאַטן אַז איך פּלאָג זיך,
טראָג זיך מיט אַ ווייטיק אום:
און עס קומט ניט און עס גייט ניט,
דרייט זיך בלויז אין מיר אַרום...

די אַלטע:
נײַן, עס וועט זיך לאַנג ניט דרייען,
קומען וועט עס, ווי עס וויל
דער וואָס האָט די וועלט באַשאַפן,
מיט געפּילדער, אָדער שטיל...

די מוטער:
זאָל עס קומען, דרייסט און זיכער,
מײַנע כּחות גייען אויס;
כ'האָב אַזוי פיל שוין געליטן,
און דער ווייטיק איז נאָך גרויס...

דאָס ניט געבוירענע:
לאָזט מיך, לאָזט מיך שוין אַרויס!...
(די מוטער פאַלט אין אונמאַכט, קרעכצט).

די אַלטע:
נעם זיך אָן מיט מוט און שטאַרק זיך,
נאָך אַ ווײַלע איז עס דאָ;
ס'קען זיך לענגער ניט פאַרציען
ס'האָט געשלאָגן שוין די שעה...

דאָס ניט געבוירענע:
כ'האָב שוין לאַנג דערפילט דעם ווייטיק,
פון מײַן קומען אויף דער וועלט;
דאָך פאַרשטיי איך ניט, און ווייס ניט,
ווער ס'האָט מיר דעם וועג פאַרשטעלט.
ס'האָט דער חושך מיך געפאַנגען
און באַלייט מיך ביז אַהער;
וויל איך ווייטער גיין, אונמעגלאַך —
און צוריק איז אויך מיר שווער...

אַ שטימע:
גיי ניט, גיי ניט, קינד אַהער!...

דאָס ניט געבוירענע:

ניין, איך וויל דאָ ניט פאַרבלייבן,
ווייטער, ווייטער, וויל איך גיין:
מיינע אויגן, גאָרן, זוכן,
פון דער וועלט דאָס ליכט צו זען...

אַ שטימע:

זאָלן דיינע פיס ניט גיין...

דאָס ניט געבוירענע:

ניין, איך וועל דאָ מער ניט רוען,
מיינע לונגען גאָרן לופט;
און פון ווייטע, ווייטע, ווייטן,
רופט דאָס לעבן מיך און רופט...
מיט די שטימען פון די דורות,
פון דעם עבר, פון דער ווייט,
און דאָס בלוט פון מיינע גלידער
רופט צום לעבן מיך און שרייט:
וואך שוין אויף פון לאַנגן דרימל,
ס'האָט געשלאָגן שוין די שעה:
און דו איילסט זיך ניט צו קומען,
און דו ביזט נאָך אַלץ ניטאָ...

אַ שטימע:

איך זאָג: עס איז דיין אָרט ניט דאָ!...

דאָס ניט געבוירענע:

עפן טראַכט זיך גיך פאַנאַנדער,
זע, פאַרהאַלט מיך דאָ ניט מער:
וועל איך דיך שוין מער ניט דריקן
קיינמאָל, קיינמאָל, קיינמאָל מער...

(די מוטער לאָזט אַרויס דעם לעצטן אָטעם־הויך און שטאַרבט האַבנדיק דאָס קינד. דאָס קינד ווערט געבוירן טויט).

אַ שטימע:

האָסט אומזיסט געוואַנדערט אַף די וועגן,
זיך אומזיסט געשלאָגן צו אַ ברעג;
האָסט די אויגן קיינמאָל ניט געעפנט;
ס'איז דער טויט פאַרלאָפן דיר דעם וועג...

אַ צווייטע שטימע:

(שטרענג און פול מיט צאָרן):

ביי קיינעם, קיינעם ניט איך פרעג!...

מיר

מיר זיינען די רעשטלאך פון נעכטן, פון היינט,
און אַפּהאַלט, א שטער פאר דעם מאָרגן.
מיר זיינען זיך שונאים, מיר האָבן זיך פיינט —
מיר מיידן זיך אויס, מיר פארבאָרגן

דעם צער, וואָס שטארט פון די אויגן ארויס,
דעם אומעט — וואָס וויינט פון די גלידער;
מיר זיינען עקרים, מיר האַלטן זיך גרויס,
כאָטש ס'איז אונדז דאָס לעבן דערווידער! . . .

אַלטער זאָגט:

דער וואָס איז פון גאָט געבענטשט
צו קאָנען גיין אין גאָטס דרכים,
מיט אן אָפן הארץ און א ברכה אף די ליפּן
פאר אַלץ וואָס לעבט און שאַפט —
דער זאָל זיין פון מיר געבענטשט.

דער וואָס איז פון גאָט געשטראָפט,
ניט צו קאָנען גיין אין זיינע דרכים,
טויב און בלינד זיין צום באשאף פון זיינע הענט —
דער זאָל זיין פון מיר באַדויערט.

דער וואָס איז מיט גאוה איבערפילט,
דער וואָס מאַכט פון זיך אַליין א גאָט —
כאָטש טויב און בלינד איז ער,
צו זיך אַליין — צו אַלעמען —
זאָל פארשאָלטן זיין פון מיר!

דער וואָס איז פון עלטער איבערזעטיקט,
ווי א פעלד מיט וואסער, נאָך א רעגן —
דער וואָס האָט זיין שכל שוין פארלוירן,
אויסגעשפרייזט שוין אַלע וועגן —
דער זאָל מער שוין גאָרניט פרעגן! . .

ממעמקים

א.

אַף מיין פאַרזוניקט פּנים
קאַרבן זיך די צייכנס פון דער צייט.
אין דער טיף פון מיינע אויגן
טאָגן זיך די מאָרגנטעג פון לעבן
וואָס נעבלען זיך אין ווייטן, אַף וועגן אומבאַקאַנטע —
קעגן דעם פּנים פון דער זון.

אונטער מיינע טריט די איילִיקע,
וואָגלען אום פאַרגליווערטע,
די פאַרשטיקטע קולות
פון טויזנט ניין הונדערט זיבעצן אַכצן,
ניינצן, צוואַנציק, איינס און צוויי.
פאָראויס,
פאַר־און־הינטער־איבער מיר —
טראָגן אין דער לופטן זיך געזאַנגען,
פאַר די מאָרגנטעג וואָס קומען...

פון ווייטע וועגן, פון א בייזן ווינט געבייטשט —
יאָגן זיך מחנות'ווייז, מענטשן אָן שיער,
צו די ברעגן פון די מאָרגנטעג,
וואָס ווייסן זיך אין ליכט — פאַר מיר...

ב.

עס טראָגן זיך קולות פון ווייטנס צו מיר:
— די טעג פון נקמה, זיי קומען צו דיר!
עס נידערן טרערן, פון הויכן צו מיר:
— די טעג פון פארגיבונג, זיי קומען צו דיר!

ג.

איך האָב זיך געווענדט צו דעם מזרח
מיט תפלה'גע רייד,
עס האָט מיר געענטפערט דער צפון:
— צום שטורם זיי גרייט!

איך האָב מיינע אויגן פארריסן,
אין הימל־הויך וואו:
עס האָט מיך דער שטורם פארטראָגן,
אין לאַנד פון ניט דאָ...

איך האָב זיך אין עפּעס פארוואַנדלט:
א וואונדער געזאַנג! —
וואָס זינגט זיך אָן ווערטער, אָן אויפהער,
אן אייביגקייט לאַנג...

מיין טיש

מיין טיש איז היינט פאר קיינעם ניט געגרייט,
כאָטש ברויט איז דאָ גענוג
און אָפן שטייט מיין טיר,
און א טאָג, א ליכטיקער —
זוניקט זיך אין פנים איצט בא מיר!

און אז אַ גאַסט וועט קומען —
וועט קיינער אים ניט גריסן,
מעג מיין טיר, די אָפענע —
הינטער אים זיך שליסן...
אין שאָטן וועט ער בלייבן,
בא מיין טיש אליין —
צו מיר אפילו ריידן,
אָבער מיך — ניט זעען. —

מיין טיש איז היינט פאר קיינעם ניט געגרייט!...

פון שטורם

דער שטורם האָט די אויגן מיינע אויפגעריסן,
אַ רויטע און אַ נאַקעטע
מיר די וועלט באַוויזן...

דער שטורם האָט דעם אויר אין רויט געפאַרבט;
די יסודות פון דער וועלט אין אַ יללה צעקראַכט;
דאָס ליד פון אויפגאַנג, אין דעם אונטערגאַנג געזונגען...

מיין צוויי הונדערט אַכט און פערציק גלידערדיק באַשאַף,
האָט פון אַ הויכן באַרג אין גרויל זיך געקאָלערט
באַרג אַראָפּ,
און מיט שווידער אויפגעבלוטיקט צו דער הויך צוריק,
ווי דאָס רעוון פון אַן אָקס אין דעם פּיין פון גסיסה
מיט דעם חלף־שאַרף אין האַלדז...

פון דעם שיכרות פון פּיין האָט דער שטורם מיך געוועקט,
בייטשנדיק מיין לייב
מיט דעם רויט פון זינד...

עס האָט מיך די אומרו פון נעכטן געטריבן
דורך דעם תהו ובהו — היינט —
צו דעם אויפגאַנג,
צו דעם מאָרגן...

מעלאַנכאָליע

פון די אויגן קוקט אַרויס, אַ שוואַרצער אומעט,
וואָס רוקט זיך ווי די עלטער אַף מיין לעבן אָן;
פון דעם האַרצן פלוכט אַרויס, אַ שטומע קללה,
וואָס קנוילט זיך אויף פון פיינען, גרוילן אַלערליי.

אַף די וועגן שפרייט זיך אויס אַ גרויער שאָטן,
די מורא פאַר דעם אָנקום, פון אַ בייזער נאַכט,
פון דער נידער קומען אויף אין גרויל יללות,
דער אָנזאָג פון אַ שטורם, אין אַ נאַכט אַ פינצטערער.

אין דעם חושך פון דער נאַכט, הערן זיך ווייען,
די ווייען פון אומקום, אין אויפגאַנג פון לעבן;
אין די וויגן גייען אויף מאָרגנגעזאַנגען,
געזאַנגען פון אויפקום פון זומער אין האַרבסט...

צו גאָט

דו האָסט פון דיין ברוסט מיך אַרויסגעוויטיקט,
דעם שטעמפל פון דיין איך
אַף מיר אַרויפגעלייגט;
איך האָב ווי אַ קינד זיך געבויגן,
געהאָרכזאַם ווי אַ פערד
אין דיין וועג געגאַנגען —
און וואָס נאָר דו האָסט נאָר געגאַרט,
האָב איך ווי געהעריק דערפילט;
איך האָב דיך געלויבט, איך האָב דיך גערימט -
נאָר דו, האָסט מיין דורשט ניט געשטילט!...

אין שלאָפלאָזע נעכט פון פיינלאַכן פילן,
ווען שטורמיש באַוועגט זיך מיין ברוסט,
האָב איך מיינע תפלות, די האַרציקע שיינע —
צו דיר, מיין גאָט, געשיקט;
איך האָב דורך טרערן פון האַרץ אויסגעוויינטע
גע'תפלה'ט צו דיר מיין גאָט —
נאָר דו, מיין גאָט, האָסט מיין געבעט ניט פאַרנומען.

איך און ער

עס האָט מיר דערעסן דאָס וואָכעדיק לעבן,
דאָס וואָכעדיק לעבן, בא אים דאָ אין שטיעב;
עס האָט מיך גנעקלט דאָס אויפשטיין, דאָס לייגן,
דאָס גיין און דאָס קומען צו אים, האָב ניט ליב.

די בליקן, אָ זיינע, די בייזע, די ווילדע —
זיי האָבן ווי בייטשן געטריבן מיך וואו;
דער שאָטן, אָ זיינער, ער האָט ווי אַן אכזר
פון אים מיך פאַרשטויסן, גערויבט מיר מיין רו...

און אָפט, ווען ער פלעגט מיך באַפאַלן מיט צאָרן —
אזוי ווי די תאווה, אַ מענטש אַ פרומען —
האָב איך זיך געלאָזט פון זיין צאָרן באַזיגן,
איך האָב זיך געוועהרט, און דאָך געמוזט שטומען!

כ'האָב דעם קריץ פון די ציין אין זיך אָפט פאַרשלונגען,
און תמיד פאַרשריגן מיין אייגן געפיל;
עס האָט מיין געפיל זיך מיט קראַפט דאָך געריסן,
מיט קראַפט זיך געריסן — צום וואָרט פון דער שטיל.

עס האָבן די ליפּן זיך מיינע באַוואויגן;
דאָס מויל מיינס האָט ווילד זיך געעפנט, און גרויס;
איך האָב אים באַליידיקט, געזידלט, געשאָלטן,
ביז ענדלאַך ער האָט מיך פאַרטריבן פון הויז...

איך האָב זיך אַן ווערטער געלאָזט אויף די וועגן,
די וועגן פון לעבן וואָס פירן דיך וואו —
די וועגן — זיי האָבן געפירט מיך צום חלום,
צום חלום פון לעבן וואָס ווייסט ניט פון רו...

איך האָב זיך באַהעפט מיט דעם חלום פון לעבן,
וואָס האָט ניט קיין אָנהויב — וואָס האָט ניט קיין סוף;
איך האָב אין דעם חלום געוואַנדערט אַן אויפהער,
געוואַנדערט אַן אויפהער — אַראָפּ און אַרויף...

ביז ענדלאַך איך האָב זיך מיט וועמען געטראָפן,
מיט וועמען געטראָפן — אַ קינד פון דער ערד,
וואָס האָט צו מיין גרויס, און מיין הויך מיך דערהויבן,
וואָס האָט מיך דערהויבן צום ליכט פון דער ערד.

אָן אַ נאָמען

אַליין

דיר, דר. נ. ס. זאַלצמאַן.

איך וויל מיט קיינעם ניט פאַרקערן
מיט זיך אַליין בלויז וויל איך זיין ;
זאָל קיינער מיר מיין רו ניט שטערן,
אין מיר ניט דערוועקן מיין פיין.

איך וויל מיט קיינעם ניט פאַרקערן,
פאַר זיך בלויז שטיל זינגען אַ ליד ;
אַ ליד וואָס זאָל קיינעם ניט רירן,
בלויז שטילן מיין אייגן געמיט.

אַ ליד וויל איך זינגען פון הארצן,
פאַר זיך אין מיין עלנט אַליין ;
זאָל קיינער ניט וואגן מיר שטערן
מיין שטילן נשמה־געוויין.

מיינע ניט געבוירענע קינדער

אין דעם בלי פון מיינע טעג
צייטיקט זיך מיין לעבן,
וואָס שפּאַרט מיינע בלוטן
צו דעם ראַנד פון מיין וועלט.

פון די בייזע, ווילדע אויגן מיינע,
פייערן זיך בליקן, בייז און ווילד ווי מיינע —
פון קינדער ניט דערבוירענע
וואָס שפּאַרן זיך פאַר'עקש'נט צום ליכט פון דער וועלט—
קעגן מיין ווילן,
דעם ווילן פון גאָט.

באַנאַכט, ווען עס גיסט זיך מיין לעבן צענויף
מיט דעם לעבן פון מיין יונגפרוי, א שירה צו גאָט —
פאַרנעמען מיינע אויערן
א בעטן, א וויינען
פון קינדער ניט געבוירענע, נשמה'לאך ווייסע —
וואָס ווערן פון אונדז צום לעבן גערופן,
און ווערן פון אונז פון לעבן פאַרשטויסן...

אין די טיפן פון מיין לעבן
פייניקן זיך לעבנס
פון קיינעם געזען;
בא דער שוועל פון מיין מאָרגן,
לויכטן אויף און פאַרגייען
ווייסע זונען, ווייסע לעבנס —
ווייסע ניט געבוירענע קינדער מיינע.

אין געזאַנג פון לעבן

אין געזאַנג פון לעבן
וואַנדערן אַרום די בליקן מײַנע
אין אַ ווירבעל־טאַנץ באַשיידן,
הין־און־הער
פון קײנעם ניט געזען.

אין דעם מאָרגנליכט באַגינען,
ווען עס רויטלט זיך די זון אין מזרח,
און עס זעגנט זיך די נאַכט
מיט דער וועלט —
הייבן זיך די אויגנדעקלאַך מײַנע
צו דעם הימל הויך אַרויף,
און די ליפּן מײַנע
מורמלען שטיל אַ תּפֿלה,
צו דעם בורא פון דער וועלט.

אין געזאַנג פון לעבן
שלאָגט דאָס האַרץ מײַנס
צו דעם ריטם פון דער וועלט,
און מײַנע טריט,
וואָס קושן רויש־לאָז צו דער ערד זיך —
טראָגן אין דער ווײַט מיך אין לעבן אַוועק,
וואו עס שפּיגלט זיך אַלץ
אין אָפענע טירן,
און די וועגן אַלע
פירן,
צו אים אַליין — צו גאָט...

אין געזאַנג פון טאָג,
ווען דער מענטש פאַרגעסט זיך
אין דעם זין פון זײַן לעבן,
אין געיעג נאָך גליק —
הערן מײַנע אויערן
אין געזאַנג פון לעבן שטיל זיך אײַן,
און איך זינג,
צו דעם ריטם פון דער וועלט מײַן ליד.

אָוונט צייט,
ווען די לעצטע זונען שטראַלן
טרינקען זיך בלוטיק
אין געזאַנג פון אונטערגאַנג —
פאַלן מיינע בליקן בייזע צו דער ערד,
און די ליפּן מיינע קללה'ן
אין דער הויך א קללה,
אַף דעם גורל פון דער וועלט...

באַנאַכט,
ווען אַלץ איז אין שאָטן
פון פאַרגיין פאַרהילט —
טראָגט מיין בענקשאַפט זיך פון הארצן,
צו דעם מאָרגנליכט באַגינען —
וואָס קומט אזוי פּלוצים, אזוי אומגעריכט —
און באַוועגט מיין הארץ אויף ס'ניי צו שלאָגן
מיט דער פרייד און מיט דעם אומעט
פון דער וועלט.

אַף די חורבות

מיט א קאָפּ א פארריסענעם
וואַנדער איך ארום,
אַף די חורבות פון מיין וועלט;
דאָ און דאָרטן בלייב איך שטיין,
קוק ארום זיך און איך טראַכט:
דאָ געווען איז מיין געצעלט...

אומעדום, אַף אַלע וועגן —
טרעף איך זיך אַליין
אין א ליכט אַן אַנדערן;
די בליקן מיינע, שטראַלנדיקע —
פאַלן איבעראַל,
און איך אַליין — א מוטיקער
ווי אַלעמאַל, ווי איצט —
זינג דערביי אין וועג א ליד.

פאַר די שבת־ליכט

אָפּטמאָל שטיי איך פאַר די שבת־ליכט פאַרוואונדערט,
וואָס מיין מאַמעלע צינדט אָן,
מיט אַ ברכה אויף די ליפּן
פרייטיק פאַרנאַכט —
און איך פרעג:
וואו איז דער גאָט פון מיינע יונגע טעג?

איך שטיי דערביי און טראַכט:
ווען יונג בין איך אַמאָל געווען,
און פון אַלץ געלאַכט, —
האָב איך אַ גאָט געהאַט,
געגלויבט, —
האָב איך קיין אומרעכט ניט געזען...

אָפּטמאָל שפּיגל איך זיך
אין די שבת־ליכט באַשיידן,
וואָס מיין מאַמעלע צינדט אָן —
און מיין האַרץ
פאַר מיר טוט ריידן,
מיט התלהבות שטיל דערפון...

מיינע בליקן שפּיגלען זיך אין אירע,
פול מיט צניעות אָן אַ סוף —
און איך רייד צו איר אָן ווערטער
פאַר די שבת־ליכט, די שיינע —
די וואָס וועקן מיך אין ריפן
צו וועלטן אומבאַקאַנטע,

וואָס רעגן זיך צווישן אונז,
צווישן מיר און איר —
און פירן מיך צום שבת,
דורך אַ גרויסער, גרויסער טיר...
וואָס גרויסט זיך ערגעץ
פאַר די אויגן,
אין די רוימען פון דער וועלט —
וואו עס ליכטיקט זיך און גרויסט זיך
דער שבת פון דער וועלט...

ב.

פון די הויכן פון דער וועלט
נידערן אראָפּ צו מיר געזאַנגען,
פרייטיק פאַרנאַכט,
ווען מיין מאַמעלע צינדט אָן
די שבת־ליכט פאַר מיר,
און איך —
איך שטיי אַ פאַרגאַפטער
פאַר איר, פאַר די ליכט —
און זעטיק דערמיט מיין נעמיט...

צו מיין מאַמען

נעם מיך אויף, דיין קינד ווי אמאָל,
פאַרגעס וואָס אמאָל איז געשען;
וויג איין אין דיין שויס, ווי אמאָל —
דיין קינד וואָס גענאַרט, האָט דיך זען.

מאַך צו דיינע אויגן און טראַכט;
איך בין נאָך אַ קינד, ווי געוועזן;
איך טו וואָס דו גאַרסט און פאַרלאַנגסט,
קיין שלעכטס פאַר די אויגן געזען...

און בענטש מיט דיין מויל מיך אצינד;
אזוי ווי אמאָל אַף דיין שויס.
עס מאַכט ניט וואָס ס'האָט שוין פּאַסירט,
וואָס איך בין געוואָרן שוין גרויס...

אָוונט־טרוים

פאַרנאַכט נעמט אַ בענקשאַפט אין דער שטיל מיך אַרום,
נאָך דעם אָוונט־טרוים פון לעבן...
עס שפּרייט אין דער ווייט זיך אַ נעץ אויס
פון זיבן לבנה־קאָלירן,
און איך לאָז זיך פון די וועגן,
צו מיין אָוונט־טרוים זיך פירן...

איך ווייס ניט ווען און ווי אַזוי,
איך ווער אין נעץ געפאַנגען;
איך ווייס ניט ווען און ווי אַזוי,
עס וואַכן אויף פאַרלאַנגען...

און רוים און צייט פאַרלירן זיך;
דאָס האַרץ באַהערשט מיין ווילן —
אין פאַרבנרייך פון אָוונט־טרוים
באַוועגן זיך געפילן,
אין פאַרבנרייך פון אָוונט־טרוים
געפילן שטיל זיך שפּילן...

טראָג אַוועק מיין בּינטל ביינער

טראָג אַוועק מיין בינטל ביינער
צו די ראַנדן פון דער וועלט,
וואו עס האָט דער גאָט פון לעבן,
אַ מזבח אויפגעשטעלט.

און פאַרברען זיי אָן רחמנות,
לויט דיין ווילן מיין פאַרלאַנג —
און באַם ליכט פון גרויסן פייער,
זאָל זיך הערן דיין געזאַנג.

אין אַ לויב צו דעם וואָס אייביק,
אַף דעם קבר פון מיין איך,
וואָס האָט אַלעמאָל געליטן,
כאָטש באַפרוכפּערט, דיך און זיך...

מיינע קינדער

אַף די וועגן צו מיין חלום,
באַ די ראַנדן פון מיין וועלט -
גרויסן זיך די קינדער מיינע,
כאָטש זיי ווערן ניט געזען —
הויך און שטאָלצע, ווי די ריזן —
ווי מיין אייגן איך אַליין.

זיבן קינדער האָב איך שיינע,
חלום קינדער — לויטער גייסט!
טו איך זיי צום לעבן רופן,
יעדן באַ זיין נאָמען שטיל —
כאַפּן זיי זיך אויף פון חלום,
לויפן אַלע אין אַ שפּיל...

מיינע קינדער יאָגן זיך פאַר'חלומ'ט,
נאָענט צום מזרח־ראַנד פון לעבן;
עס הערן זיך קיין טריט ניט ווען זיי גייען,
עפּעס רעגט זיך פּאָרט אין יענער שעה —
פיינלאַך פאַלן דעם מענטשנס בליקן,
פאַלן איבעראַל און זוכן,
די וואָס זיינען און ניט דאָ...

חנ'עוודיק און רייצנד
סוקן אויגן,
אומגעזען פון יעדנס אויג —
רווישלאַז מורמלען ליפּן,
ערגעץ וואו ערגעץ ווייט:
— תמיד זיינען מיר צווישן אייך פאַראַן!

אברהם רייזין

אברהם רייזין אונדזער ליד;
מיר וועלן דיך זינגען, ניט ווערן גאַר מיד!
רייזין, אונדזער רייזין —
רייזין אונדזער ליד!

אברהם רייזין אונדזער ליד;
דאָס אייזן זיינען מיר, און דו — אונדזער שמיד!
רייזין, אונדזער רייזין —
רייזין אונדזער ליד!

אברהם רייזין אונדזער ליד;
דער גערטנער פון גאָרטן וואָס יונגט זיך און בליט.
רייזין, אונדזער רייזין —
רייזין אונזער ליד!

אברהם רייזין אונדזער ליד;
דער יום טוב פון פשטות וואָס פייערט וואָס גליט.
רייזין, אונדזער רייזין —
רייזין אונדזער ליד!

מיין אומעט

מיט דעם אויפגאנג פון דער מאָרגנזון,
ווען פריש איז אין זכרון נאָך
דער חלום פון דער נאכט —
וואכט אין מיר מיין אומעט אויף.

ער ציט זיך ארויס־און־אריין אין מיין הארצן;
באפּערלט מיינע אויגן מיט טרערן צוויי,
ער פליסט אין דעם בלוט פון די אָדערן מיינע —
דער גרויסער אומעט מיינער.

און וואו איך בין דאָ, איז ער אויך דאָרט פאראנען;
פארגראָבן אין מיר ליגט ער וואו טיף —
און נאָגט אזוי ביינקנד און לײדנד אָן אויפהער —
דער גרויסער אומעט מיינער!

בלינדע

בלינדע גייען מיר ארום,
מיר זעען און דערזעען ניט
דעם אייגענעם וועג...
און וואו מיר גייען,
און וואָס מיר טוען,
וואָס מיר טראַכטן
און וואָס מיר זעען —
דוכט זיך אונדז;
מיר ווייסן וואו מיר גייען,
וואָס מיר טראַכטן, וואָס מיר טוען
און מיר זעען —
כאָמש בלינד זיינען מיר
און שוואַך זיינען מיר;
מיר טוען ניט, דאָס וואָס מיר ווילן,
מיר ווילן ניט דאָס וואָס מיר טוען —
בלינדע גייען מיר ארום.

צו דיר — אַ מענטש!

(א)

דו האָסט אין מיין פנים מיט חוצפה געשפיגן,
באַליידיקט מיין מין ביז איןביין;
האָב איך אויפגעשטורמט מיט בלוטיקן צאָרן,
פאַרשאָלטן מיין אָפּשטאַם אַליין...

איך האָב זיך פאַרהילט אין אַ נאַכטיקן שלייער,
פאַרגראָבן זיך טיף אין דער ערד;
און דאָרטן, אָן ווערטער, קריעה געריסן,
באַליידיקט פון דיר אָפּגעקערט...

(ב)

רייס אַרויס דיין האַרץ, און גיב דאָס אָפּ די הינט;
די אויגן דיינע שטעך זיך אויס!
שפּיי אויס דיין גאַל, און גראָב זיך אויס אַ קבר,
און לייג זיך ניט־דערהרגעט דאָרט אַריין...

אַ זאָל די זון פאַר דיר שוין מער ניט לויכטן,
און די צייט — צערינען זאָל פאַר דיר;
דער וואָס האָט דאָס געטלאַכע אין זיך פאַרלאָשן,
זאָל פאַרשאָלטן זיין פון מיר...

גאָט!
זאָל מיין קללה זיך צו דיר דערטראָגן,
און אַ תיקון אין דיין גרויזאַמקייט געפינען;
זאָלן דיינע שטערן ווי איינער זיך פאַרלעשן,
זאָל דיין חלום אין דער צייט זיך מער ניט שפּינען...

איך און מיינע יאָרן

לויף איך נאָך די יאָרן מיינע,
אין א ווילד געלויף;
שרייען נאָך די יאָרן מיינע:
גיי, דו נאַר, אַנטלויף...

בליק איך נאָך די יאָרן מיינע,
מיט אַ שטומען בליק;
זאָגן מיר די יאָרן מיינע:
גיי ניט נאַר צוריק.

רייד איך צו די יאָרן מיינע,
אין אַ שטומער שפּראַך;
ענטפערן די יאָרן מיינע:
וויין ניט, קלאָג ניט — לאַך!

לאַך איך צו די יאָרן מיינע,
לאַכן זיי צוריק;
פילן מיר אין לאַכן ווידער,
אונדזער נעכטן־גליק.

לאָז איך מיט די יאָרן מיינע,
זיך אַוועק אַ טאַנץ;
פלעכטן זיך די יאָרן מיינע,
אין אַ שטערן־קראַנץ.

רינגלען מיך די יאָרן מיינע
אין דער מיט אריין;
איצט וועסטו, פאַר אונדז, אויף תמיד,
אַ לבנה זיין.

דו וועסט אונדז, פון בייז פאַרהיטן,
זיין פאַר אונדז אַ טרייסט;
און דיין לוין וועט זיין, אויף תמיד
זיין פון אונדז דערלייזט.

זינג איך מיט די יאָרן מיינע
אַ געזאַנג אָן רייד;
ווער איך פון די יאָרן מיינע
אויפגעלייזט אַ פרייד...

אונדזער האַרץ

איבער מיינע ראנדן
שלאָגן אַלע כוואַליעס.
אַלע סטרונעס,
זיינען איבער מיר געשטייפט,
און אַז איך וויל —
הויב איך אויף דעם פאַרהאַנג,
און איך לאָז אים אויך אַרונטער...

א קללה

זאָל דער עלנט דיך באַלייטן,
מיט דער מורא פון דער נאַכט;
פון דעם טאָג, דעם העל און שיינעם —
ווערן זאָלסטו אויסגעלאַכט.

זאָל דער אמת פון דיין האַרצן
דיך פאַרפאָלגען ווי א פעסט;
מיט א קללה אַף די ליפּן
זוכן זאָלסט א שוץ, א נעסט.

און קליין זאָל זיין פאַר דיר דער רוים;
פרעמד זאָל זיין פאַר דיר גאָטס ליכט;
און דוויערנד זאָלסטו פאַרגיין,
פאַלן פלוצים, אומגעריכט!...

מענטש

איך בין די מאָס פון אַלץ,
וואָס טראָגט אַף זיך
דעם שטעמפּל פון באַשעפער;
פון מיר קוועלט אַרוים
דער זין פון אַלע טעג...

דאָס לעבן

דערזעלבער וועג וואָס פירט אהין,
ער פירט דאָך אויך אהער —
דאָס לעבן איז, אַ טריט, אַ שפּאַן —
אַ טריט, אַ שפּאַן — ניט מער...

דו גייסט אהין, דו גייסט אהער —
דו זוכסט פאַר זיך אַן אָרט —
און וואָס דו גארסט, געפינסטו ניט;
דו טראַכסט פון דאָ, — ביזט דאָרט!...

דאָס לעבן פירט דיך אַן גערויש,
אהין, אהין אוועק;
וואו ס'הויבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס,
דערזעלבער, זעלבער וועג..

וואָס איז אַ סוד, פאַר דיר, פאַר מיר,
פאַר אונז און אויך פאַר זיי —
און ווילסטו יאָ, צו ווילסטו ניט —
אין וועג, אַ גיי, אַ גיי!...

צו מיין דערלייזער

הער זיך איין אין מיר דערלייזער,
ווער דו ביסט און ווי דו הייסט! —
כ'בין אליין פאַר זיך אַ וואָפע,
ווער פון זיך אליין דערלייזט!

כ'האָב מיין וועלט אליין געשמידן,
אלעמאָל געוועזן אליין —
אָרט מיך ווייניק צי דו ווייסט עס,
ס'איז אזוי, אזוי געוועזן!

כ'האָב געשטורמט אָפּט מיט צאָרן,
אָפּט געוויינט, געליבט, געהאסט:
און צומאָל אזוי אזוי זיך —
גלאַט פון אלץ נעשפּאַסט, געשפּאַסט...

ביז איך האָב זיך דאָ פאַרוואַנדלט
אין אַ פייערדיקער קויל;
וואָס באוואַכט מיין אייגן לעבן
און פאַרמאַכט דעם שונא'ס מויל...

דער שניי־מענטש און די קינדערלאך

שמעלצט אַ שניי מענטש זיך אין דרויסן
קעגן פּנים פון דער זון;
שטייען קינדערלאך פון ווייטנס,
לאַכן, קוועלן אָן דערפון...

גלוסט זיך איינעם גלאַט אַ שפּאַס טון,
גיט דעם שניי־מענטש וואו אַ שטויס;
פאַלט ער פּלוצים איין אין צווייען,
ווערט פון קאָפּ זיינעם גאָר לויז...

קאָן אַ צווייטער ניט פאַרליידן,
זען אַ שניי־מענטש אָן אַ קאָפּ;
וואַרפט ער זיך אַרויף מיט צאָרן,
ווישט איינגאַנצן אים אַראָפּ...

ווערן אַלע שוין אין כעס,
אַף דעם לעצטן פאַר זיין טאַט;
כאַפּן זיי און מאַכן קוילן
און באַוואַרפן אים, דעם יאַט...

צינדט זיך אין אים אָן אַ פייער,
וואַרפט ער זיך אַף זיי אַרויף;
און עס ברעכט אויס אַ מלחמה
צווישן קינדער אַף דעם הויף...

פאַלן קינדערלאך און הויבן
ווידער אויף זיך פון דער ערד;
פאַלט איין איינעם: ווידער מאַכן
אַ שניי־מענטשׁ, — און שלום ווערט!...

צום מענטש

א פרעמדער בין איך מענטש צו דיר,
פון קיינעמס לאנד א קינד —
כ'האָב קיין טאטן, ניט קיין מאמען,
איך בין פריי, ווי דער ווינט.

און וואָס איך וויל — באשאף איך באלד,
מיך שרעקט ניט קיין געפאַר;
מיך קימערט ניט דיין שפאָט, דיין שטאָלץ —
פון אלץ בין איך דער האר!

א גאָט האָב איך אנטפלעקט אין זיך —
אליין בין איך דער גאָט!
און איבער דיר איך שוועב ארום,
איך שוועב ארום מיט שפאָט.

די זון, די ערד, דער גאנצער רוים —
א שפאָס בא מיר — ניט מער!
און וואָס איך גאר מיט דיר נאָר טון —
דערפילט שוין מיין באגער.

צום מאָרגן

געפירט פון מיין אייגענעם טרויער
אין ווילד פון א ווייט־פרעמדן לאנד,
איך שלייך ווי דער ווינט זיך אף וועגן,
וואָס זיינען מיין הארץ אומבאקאנט...

איך טרעף מיט דער נאכט זיך אף וועגן,
איר חושך מיין פנים פארהילט —
איך קום איר גערן אָן אנטקעגן,
א טאָג אין איר נעץ האָב דערפילט!...

איך צי זיך גערולדיק אָן אויפהער
אליין, אין דעם ווייט פון דעם רוים;
צי וועל איך זיך ענדלאך דערשלאָגן
צום מאָרגן, מיין ליכטיקן טרוים?...

צום קוואַל

קום צום קוואַל פון לויטער וויסן,
לויטער וויסן און פאַרשטאַנד;
בויג דיין קאָפּ אָן, מאַך דיין מויל אויף —
טאַכטער פון דעם גרויען לאַנד...

טרינק צו זאַט זיך אָן א שטאָלצע,
שווענק פון זיך אַראָפּ דעם שטויב,
פון דיין גרויען לאַנגען עבר,
און גיב אָפּ צו גאָט א לויב.

פאַר דעם קוואַל, דעם אייביק שטאַרקן —
דעם וואָס שטילט זיך קיינמאָל איין,
און וואָס פליסט אין אַלע צייטן
אין דעם האַרץ פון מענטש אריין...

מיר איז גוט

איך בין אַן אייניקל
פון יהושע בן נון,
און כאָטש איך האָב קיינמאָל
ניט אָפּגעשטעלט די זון,
איז מיר אַלעמאָל גוט
צו טראַכטן דערפון:
אַז עס וואָרצלט מיין אָפּשטאַם, אין נביא
וואָס הייסט —
יהושע בן נון!...

זון

פון אַלע קענינן בין איך
די ערשטע, און די לעצטע.
דער שטאָלץ פון דער
יצירה בין איך,
אין די אויגן פון גאָט.

איך מעג

איך זוך ניט קיינעם צו געפעלן
אין דעם אומגעלומפערטן געזאַנג פון אונדזערע טעג,
ווי און ווען און וואָס צו זינגען
בא קיינעם ניט איך פרעג —
איך מעג!

איך מעג דיין צער
מיט מיין אייגנקייט באַפאַרבן;
דיין פרייד דערהויבן
צו דעם געזאַנג פון מיין האַרץ,
און אַזוי —
דיין צער און צאָרן, יאוש און פּיין,
האַס און ליבע
צו אַ זין דערפירן —
איך מעג!

איך מעג פאַר דיר
מיין נאַקעטקייט אַנטפּלעקן;
מיין אמת פאַר דיר ברייינגען
אין דעם ליכט פון דער וועלט,
מיין קללה און מיין ברכה
מעג איך פאַר דיר ברייינגען;
דורך דעם שלאַג פון מיין האַרץ
דיך לאָזן זיך דערקענען,
פייערן צינדן
אין דיר — אין דיין האַרץ —
איך מעג!

איך מעג זיך אין אַ ליד פאַרוואַנדלען,
דיין צלם אלהים
מיט וואָרט באַפליישן —
איך מעג!

צו דער שטאָט

עס האָט דאָס לעבן איינגעקלאַמערט,
אין דיין אייזן־ברוסט מיך פעסט ;
איך האָב מיט ווייטיק אין דיין האַרצן
אויסגעבויעט זיך אַ נעסט . . .

איך האָב געפּרואווט און פּרואוו נאָך איצטער
האַלטן דאָרט זיך שטיל אַ צייט ;
דאָך דער זעלבער ווינט דער גרויסער,
טרייבט און טראָגט מיך ערגעץ ווייט . . .

ס'איז מיין נעסט ניט שטאַרק באַפעסטיקט :
טרייסלט זיך אַהין, אַהער ;
און עס טרייבט מיט ווילדן צאָרן,
טרייבט און ציט מיך ערגעץ ווער . . .

בּאַם ראַנד

באַם ראַנד פון דער וועלט
טאָגן זיך די טעג פון מיין לעבן,
וואָס גייען אויף אומגעזען,
אַ לויכטנדע פרייד —
קעגן דעם פּנים פון דער זון . . .

באַם ראַנד פון דער וועלט
רעגן זיך די וועלטן פון מיין־דמיון,
פיבערהאַפט שנעל —
עס צינדן זיך און לעשן
די טעג פון מיין לעבן,
באַם ראַנד פון דער וועלט . . .

באַם ראַנד פון דער וועלט
שאַרן זיך אין־סוף'יק, די שאָטנס
פון מיינע ניט געבוירענע קינדער. . .
עס וויגט זיך מיין האַרץ,
אין אַ ים פון געפילן —
באַם ראַנד פון דער וועלט . . .

אין װעלדל באם טייך

אין דעם װעלדל בא דעם טייך —
שפּילן קינדער זיך אַ סך.
איינער טאַנצט,
אַ צװייטער שפּרינגט,
אַ דריטער לאַכט,
אַ פערטער זינגט.

קינדער, קינדער, אָן אַ שיעור,
שפּילן זיך, צו דריי, צו פיער.
אַלע, אַלע,
זיינען גלייך;
מיידלאַך, אינגלאַך,
אָרים, רייך...

קינדער, קינדער, גרויס און קליין,
מיידלאַך, אינגלאַך, מיאוס, צי שיין—
אַלע שפּילן
היינט זיך גלייך,
אין דעם װעלדל
באַ דעם טייך...

קינדער

מיר זיינען די פרייד
אין דעם פּיין פון דער יצירה.
פאַר אונדז איז געשפּרייט
פון לעבן דער װעג;
פאַר אונדז גייט דאָ אויף
די פרייד פון באַגינען,
אין שפּיל פון אויפקום, פון װייטן לעבן.

צו דיר

הויב זיך אויף צו דער הויך פון דיין באַרוף,
צו דער הויך פון גאָט —
וואַרף אַראָפּ פון זיך דיין צביעות,
קום דערהויב זיך צו דיין הויך!
און וועק און רוף, און רוף און וועק —
צו דעם לעבן וועק און רוף!

זע!
דיין וויג איז געשטאַנען אין די תהום׳ן פון בראשית;
דו האָסט זיך אַף דער ערד, צו דיין הויך דערהויבן,
זאָל זשע דיין גייסט דיך באַהערשן, באַשיינען —
באַהערשן, באַשיינען דיין גורל!

אַ זאָלן די קוואַלן פון וויסן, בלויז רוישן
און פליסן אַן אויפהער, פאַר דיר;
דיין וועג איז דאָס לעבן, דאָס לעבן דיין וועג איז —
דו ביסט און וועסט בלייבן
אין אַלץ וואָס ס׳איז דאָ!...

שוואנען

ס'האָבן שוואנען צווייַ פאַרבענקט זיך,
נאָך דעם טאָג, וואָס איז אַוועק,
זייַנען זיי אין שפּעט פון אָוונט
צוגעשוואומען צו דעם ברעג.

און אין בענקשאַפט, ווי אין חלום —
האָבן זיי די קעפּ פאַרריסן;
און אין בענקשאַפט, ווי אין חלום —
זיך אַליין די הויט געביסן.

זייַנען פעדערלאַך געפאַלן,
און געקושט זיך צו דער ערד;
האָט אַ האַנט, זיי אויפגעהויבן,
זיי געלאַסטשעט שטילערהייט.

האָבן זיי די קעפּ פאַרוואָרפן,
ווי זקנים זייערע הענט,—
און אין שווייַגן זיך גע'חלום'ט,
פון אַ טאָג וואָס זונט, וואָס בלענדט...

מייַן הויז

אין מייַנע דאַלעט אמות
פויזעט אום די ליידנשאַפט,
אין אַ שפּיל פון ליבע.

אונטער דעם שויץ פון
מייַנע ווענט
פייַניקן זיך לעבנס,
אין אַ געזאַנג פון אויפבלי —
און פאַרגייען דאָרט
אַגאָניש,
באַ דעם ליכט פון אונדזער קראַנקער צייַט...

צו גאָט

עס ציט מיך אין דעם לאַנד פון מאָרגן
דאָרט וואו קיינמאָל הערשט די נאַכט;
וואו דער פרילינג בליט אָן אויפהער,
וואו דאָס לעבן אייביק לאַכט.

כ'האָב דעם היינט ניט ליב דעם גרויען,
ווי ער איז און ווי ער גייט;
כ'האָס דעם ווינט וואָס פירט אהין נאָר,
וואו דאָס לעבן שטיל פארגייט...

און מיך ציט אהין, אהין נאָר,
וואו ס'באוועגט זיך אַלץ אָן סוף;
וואו נשמות אייביק שמייכלענד,
ציען הויך צו גאָט ארויף...

אין די וויגן

אין די וויגן
קינדער ליגן —
קינדער, ליב און שיין!
וואָס זיי טוען,
וואכן, רוען —
טוען זיי מיט חן!
אויגן בלויע,
שווארץ צי גרויע —
אינגלאך, מיידלאך גלייך! —
לאַכן, ריידן,
קינדער־פריידן —
און פארכאַפן אייך!
אין די וויגן,
בא דעם ניגון:
„אַי ליו ליו מיין קינד"—
קינדער שמידן
צו אַ מידן,
טאטע, מאַמע בלינד...

אין וועג

ראש השנה, גרוי דער דרויסן —
אַלץ איצט תּפֿלה׳ט פֿרום;
איך אַליין נאָר גיי אַ בייזער,
צאָרן איך און שטום.

כ׳האָב מיין גאָט אין וועג פֿאַרלוירן,
טוט מיר אַזוי באַנג;
כ׳גיי אין וועג און זוך אַרום אים,
זוך אַרום אים לאַנג.

טרעף איך מיט די מענטשן אָן זיך,
פֿרעג זיי אויף מיין גאָט,
ענטפֿערט יעדער: ניט געזען אים,
ענטפֿערט מיר מיט שפּאָט.

גיי איך מיר אין וואַלד אַוועק זיך,
זוך אים דאָרט אַרום;
שטויסט דער וואַלד מיך אָפּ מיט צאָרן,
צאָרן און איך שטום.

דער פּויער זאָגט

— מיר איז גוט!
איך דאַרף ניט, און
איך האָב ניט
פֿיל.

איך בין רייך!
כ׳האָב בהמות,
שאָף, און רינדער,
ברויט, —
און אויך אַ ווייב מיט קינדער —
מיר איז גוט,
איך בין רייך!

נאַכט

איך בין דער אייביקער מעפיסטאָ,
וואָס שפּרייזט אַף אַלע וועגן
מיט זיכערע טריט.

דער מענטש איז אַ
שפּילצייג
פאַר מיינע קאַפּריזן,
אין דעם היכל פון דער וועלט.

מיר

מיר זיינען דאָס ראָד וואָס דרייט זיך
אָן אויפהער,
אָן אַ ציל און אָן אַ
זין — אַזוי...
און פאַר־און־איבער אונדז גייט אויף,
די ברכה פון גאָט.

די פרוי

פון מיינע אינגעווייד
ברומט אַרויס
דאָס ליד פון דער וועלט...
דאָס ציל־ברעט פון אויפגאַנג בין איך,
אין דעם געזאַנג פון אומקום...

דער הפקר יונג

נאָך אין וויגל, באַ דער מאַמען, אין אַ רוסיש שטעטל, וואו —
האָט דער ממזר, דער בן יחיד, ניט געוואוסט שוין דאָן פון רו...
מיט זיין גאַנצן לייב־און־לעבן, מיט די פיס און מיט די הענט,
האָט ער זיך געדרייט, געוואָרפן; יונגע כחות שוין פאַרשווענדט...
און צום חודש, צו דעם ניינטן, האָט ער אָנגעהויבן גיין;
און צום חודש, צו דעם ניינטן, איז ער שוין פאַרשייט געווען...
זיינע הענטלאַך, ווי אַ מאַגנעט, — האָבן אַלץ צו זיך געצויגן,
און אַ גוטן מאכל האָט ער, איינגעשלונגען מיט די אויגן...

א.

אייבי איז אַ גרויסער בחור, אייבי אַרבעט אין אַ קראָם;
אייבי איז אַ כוואַט, אַ בחור, און ער גנב'עט, גנב'עט סתם...
פאַלט צו אים אַריין אַ קונה, מעג דאָס זיין אַ איד, אַ גוי —
שינדט ער פון אים אָפּ אַ פּאָלע — ס'איז דאָך רעכט באַ אים אַזוי!
שיך פאַרקויפט ער, איצט אַ פּאָאָר אים, לויט זיין מאָס, פאַר ביידע פיס, —
און ער גיט אים אויך אַ פּאָאָר איצט, — ביידע אָבער צו איין פוס...
גייט אַוועק מיט זיי דער קונה, און ער קומט באַלד גלייך צוריק,
בייזערט אייבי זיך אַף אים נאָך, און ער וואַרפט צום „באָס" אַ בליק...
— בלויז אַ דאָלער וועט דיר העלפן, בלויז אַ דאָלער און ניט מער, —
טענה'ט אייבי און ער סטראַשעט, מיט אַ קולאַק סטראַשעט ער...
אָט אַזוי אָ, שאַכער־מאַכערט, שווינדלט אייבי אָפּ אַ וועלט,
ביז ער ווערט פון באַלעבאָס, צום נסיון זעלבסט געשטעלט...
אייבי'ן אָבער, קימערט גאָרניט, אייבי איז אַ כוואַט, אַ יונג;
אייבי איז אַ יונג מיט ביינער, אייבי האָט אַ לאַנגע צונג...
רעדט ער תמיד נאָר פון יושר, און ער גנב'עט אָן אַ שיער,
זעצט מען אים אַריין אין טורמע, זיצט ער דאָרט חדשים פיר...
זיצט זיך אייבי אין דער טורמע, און ער חלום'ט פון דער פריי,
ווי ער גייט און גנב'עט ווידער, גנב'עט ווידער אַף דאָס ניי...

ב.

אייבי האָט זיך גאָר פאַרמאַסטן, איבערקערן איצט אַ וועלט;
אייבי האָט זיך מאָרד און גזלה, פאַר זיין לעבנס־ציל געשטעלט.
און די פרוי — זי האָט געוואונקען, מיט איר רייץ צו אים אַצינד:
אייבי האָט זיך אַף דער וועלט געטראָגן, ווי אַ בייזער ווינט...
דאָ און דאָרט האָט אייבי איצטער, הויך זיין שטים געלאָזן הערן,
עס האָט דער שוואַכער און געזונטער, גלייך אים אויסגעמידן — גערן...
ווייל די בייזע אויגן אייבי'ס, האָבן איצט געפייערט ווילדער,
און די צונג, די שאַרפע זיינע — איז געוואָרן איצט ניט מילדער...
ס'האָט דער מאַן, און אויך די פרוי איצט, פאַר זיין ווילן זיך געבויגן;
באַ דעם מינדסטן ווידערשטאַנד, זיינען זיינע פּעטש געפלויגן...
און געציטערט האָט איצט יעדער, פאַר זיין שאָטן, זיין פּערזאָן;
יעדער האָט אים אָפּגעטראָטן איבעראַל דעם אויבנאָן...
אייבי האָט זיין מאַכט געפילט איצט, איבעראַל דאָס דעמאָנסטרירט;
אייבי האָט די הפקר־יונגען, פאַר די נעז אַצינד געפירט...

ג.

אין דעם מאָרגן ליכט באַגינען, אייבי האָט פאַרלאָזט זיין הויז,
און אַ בייזער, און אַ פלינקער, איז ער אַף דער גאַס ארויס.
אומדערשראָקן איז ער האַסטיק, ראַש אַוועק צו וועמען — וואו,
און אַ מידער און אַ בלייכער, צוריק געקומען צו דער שעה...
שאַ און שטיל געוועזן אַרום איז, ער אַליין האָט בלויז געוואַכט;
זיין אַוועקגיין און זיין קומען, האָט געזען די מאָרגן־נאַכט...
אייבי האָט זיך אָנגע'שכור'ט;   אייבי האָט זיין גייסט פאַרטעמפּט;
אייבי האָט זיין סוד פאַר'שכור'ט...   און אַזוי דעם מענטש פאַרשעמט...
אייבי איז אַ כוואַט אַ בחור, אייבי איז אַ יונג אַ יאַט;
אייבי האָט פאַר גאָרניט מורא, אייבי'ן שרעקט ניט אַפ זיין טאַט...

ד.

אייבי חלומ'ט איצט פון עפּעס; אייבי רוט ניט אין זיין שלאָף.
אייבי'ן ווייזט זיך אויס, מען וועקט אים, אייבי הערט איצט קלאָר אַ רוף...
מיט גערויש און מיט געפּילדער, עפּנט אייבי'ס טיר זיך אויף:
— שלעפּט אים פון דעם בעט אַרונטער, הערט אַ שטימע זיך פון הויף...
אייבי כאַפּט זיך אויף פון דרימל, וואַרפט אַ מאָדנעם בליק אַרום;
הויכע מענטשן ווי די ריזן, רינגלען אים אַרום, אַרום...
אייבי טוט זיך אָן און ווערטער; לאָזט זיך בעטן ניט קיין סך,
אייבי איז אַ כוואַט אַ בחור, לאָזט זיך פירן, פירן גלייך...

ה.

אייבי'ס הימל איז פאַרוואָלקנט, אייבי ווייסט שוין קלאָר זיין סוף:
אף א תליה וועט ער הענגען, מיט דעם קאָפּ אַרויף, אַרויף...
אייבי אָבער, זאָרגט זיך ווייניק; זאָל דאָס לעבן, גיין זיין גאַנג —
אייבי האָט אויך ניט חרטה; אייבי'ן איז ניט טריב און באַנג...
עסט ער צו דער צייט און רואיק, רואיק שלאָפט ער אַלע נאַכט,
און פון זיינע וועכטער לאַכט ער, לאַכט ער האַרציק, בלויז ער לאַכט...
אייבי איז אַ בראַווער בחור, אייבי איז אַ ריעז, אַ העלד;
אייבי איז אַ הפקר־בחור, אייבי טוט וואָס אים געפעלט...

ו.

אייבי האָט זיך פרי געפּעדערט, אויסגעפּוצט זיך ווי א פראַנט;
אייבי האָט זיך אויך געזעגנט, מיט אַ יעדן באַ דער האַנט...
וידוי זאָגן האָט ער אָבער, ניט געוואָלט און ניט געזאָגט;
— זאָלן די וואָס גלויבען זאָגן, איך קיין גאָט האָב ניט פאַרמאָגט!...
האָט ער צו דעם רב גע'טענה'ט, און דערביי אין ווייט געקוקט;
עס אין דער טאָג שוין צוגעפאַלן, און די נאַכט זיך אָפּגערוקט...
ס'האָט א האַנט פאַרדעקט זיין פּנים, אַ שטריק אף אים פאַרוואָרפן —
אייבי האָט פאַרשטומט אף תמיד, אייבי'ן האָט דער טויט געטראָפן...

פשטות

איך בין א בריק וואָס פירט
פון הארץ צו הארץ ;
דער שפיגל פון אַלץ בין איך
וואָס לעבט, וואָס שאַפט.

ליכט

איך בין דער וועג
וואָס פירט איבעראַל ;
פאר מיר איז
ניטאָ
קיין גרעניץ, קיין סוד..

ערד

דער באַשייד פון אַלץ
בין איך,
מוטער ערד.
מיט מיר הויבט זיך אָן
און ענדיקט זיך
אַלץ.

אַזוי

כ׳האָב פאַרבלאָנדזשעט אין די ווייטן פון דעם לעבן
אומגעריכט, און אָן א זין אַזוי —
עס האָבן מיך די מאָרגנטעג געפאַנגען,
מיך פאַרבליפט אין וועג אַזוי.

איך האָב מיין יוגנט רעכט ניט אויסגעזונגען ;
מיט מיין חלום אומגעפער זיך קוים באַהעפט ;
איז דאָס לעבן מיר דעם וועג פאַרלאָפן,
מיך אַ שטוים געטון פאָראויס —
און אַזוי, אין פלאָנטער מיך באַצוואונגען...

איך און דו

מיין ליכטיק טעכטערל — יוכבד

טויזנט חנ'ן אין די אויגן,
לידער —
ניט געזונגענע פון קיינעם.
פריידן פון מיין אייגן לעבן,
קינד מיינס —
רונדיקן אין רעגנבויגן
ווידער,
בא דעם אויפזון פון דיין זעקסטן פרילינג.

איך און דו

די נאַכט וועט קומען
ווי אַ חלום אומגעריכט,
מיר וועלן זיך טרעפן
ווי שאָטן און ליכט,
אין אָוונט־שפּעט וואו —
איך און דו.

די נאַכט וועט קומען
ווי די אומרו מיינע,
אין דער שעה פון פּיין.
און האַרץ צו האַרץ וועט ריידן ווי אין חלום,
אין אָוונט־שיין וואו —
איך און דו.

די נאַכט וועט קומען
מיט שטילע טריט,
און ביידע אונדז פאַרוויגן
אין חלום פון רו,
אין אָוונט־בלוי וואו —
איך און דו.

לידער צו א פרוי

מיין זון גייט אויף פאר מיר אין אוונט,
די פרייד פון אנזאג
בא דעם אונטערגאנג פון לעבן —
און כאטש די אויגן מיינע
פיינען זיך, אין שפיל פון פארבן,
און פאר די אויערן מיינע ווהיספערט זיך
דאס ליד פון שטארבן —
גייט אויף מיין זון, פאר מיר אין אוונט,
די פרייד פון אנזאג,
בא דעם אונטערגאנג פון לעבן. —

(א)

דיין זיבעצניאריקער פרילינג
האט אין א כוס פאר מיר זיך געשוימט,
און איך —
א בארוישטער פון דיר, פון מיין פרילינג —
האב זינלאז גע'שיכור'ט,
געזשליאקעט אן אויפהער —
מיין זיבעצניאריקער פרילינג!...

(ב)

דיין לעבן האניקט זיך אין א מן א זיסן,
וואס טריפט אין מיין שוים
אן אייביגקייט לאנג;
דיינע אוצרות זאמל איך
אין מיין שפייכלער־הארץ באשיידן,
און היט זיי אין תמימות
פאר די מארגן־טעג וואס קומען...

(ג)

דו האסט מיך צום לעבן, מיט שטורם געריסן;
א לעבן געפאדערט,
א לעבן געקראגן!
און אז דאס ליד פון מיין באמאנונג
האט אין אנגסט זיך באוויזן,

האָסטו אין דיין צער
געפריידט זיך, געיובל'ט —
אין אַ בענטשונג צו מיר,
צו מיין באַשאַף...

(ד)

אַז דאָס לעבן בייטשט דיך
אין יאוש אַוועק,
און פון די אויגן דיינע קוקט אַרויס
אַן אומעט די זאָרג,
וואָס קנייטשט זיך אַף דיין שטערן
אין אַ שטילן פיין —
וואַכט אויף אין מיר דיין פרילינג
אין אַ זעאונג ווידער,
קוש איך אוים דיר דיינע גלידער
ווי אין פרילינג, דאַן —
און איך זינג צו דיר אָן אויפהער
מיינע אַלטע נייע לידער.

(ה)

אַז דאָס לעבן גרויעט זיך אין אַ מאָנאָטאָנעם שפּיל,
די האָריזאָנטן דיינע גליען ניט
אין אַ רייץ פאַר מיר —
פאַרליב איך זיך אויפסניי אין דיר!
און דו, אין דיין עקשנות —
דו פרעמדסט זיך צו מיר;
דו פלייסט זיך צו ווייזן
אין גלייכגילט פאַר מיר!

אָבער איצט, ווי דאַן —
בין איך דער מאַן:
איך טו מיט דיר וואָס מיר געפעלט!
אַט בין איך צאַרט,
ווי דין, ווי פיין!
און פלוצים —
האַרט,
ווי אַ מאַן קען זיין —
מיר ליבן זיך ווי קינדער.

א.

אַ פרעג ניט, פרעג ניט וואָס איך שווייג,
נאָר קוק מיר אין די אויגן טיף אריין,
און זויג פון דאָרט ארויס
דעם סוד פון מיין פיין,
די גאַל פון מיין שווייגן —
און זעטיק דערמיט דיין געמיט...

ב.

עס ליגט דיין פרייד בא מיר אין הארץ פארגראָבן;
עס פּאַרט זיך דיין גליק, מיט מיין אומגליק צענויף;
און וואָס דו פארלאַנגסט, דאָס קאָנסטו ניט האָבן —
וויילביידע מיר זיינען זיך שונאים אף טויט.

ג.

דו ליגסט צו מיינע פיס אָן קייטן צוגעשמידט,
אזוי ווי א וואָרצל פון בוים צו דער ערד —
און איך, דיין האר — איך לאָז דיך ליגן,
פון יעדן געזען, פון קיינעם געשטערט.

ד.

איך האָב באפוילן: דו זאָלסט קומען,
און קומען האָסטו שוין געמוזט!
אַ שטארק איז מיין ווילן
און גרויס איז מיין מאכט —
איך
בין
אלץ!

ה.

ווי א תפלה פאר גאט
ביסטו צו מיר געקומען,
ווי א שטראל פון דער זון צו מיר זיך געצויגן,
און
באַ
מיר
פארבליבן.

ו.

איך האָב דיר געוויזן אַ וועג צו מיין הארץ:
דעם סוד פון מיין זינגען דערציילט;
איך האָב דיר געוויזן דאָס ליכט פון דער וועלט,
פאַרוואָס האָסטו דאָס זען פאַרפעלט?

איך האָב דיר אַ ברונען געוויזן,
דיר טרינקען געגעבן צו זאַט —
דו האָסט זיך צו זאַט אָנגעטרונקען,
און דאַן מיך אינגאַנצן פאַרשפּאַט.

איך האָב דיר געוויזן אַ פייער וואָס ברענט
דויערנד לאַנג, פון אייביק אָן;
האָסטו זיך אָן אויפהער געבוקט דערצו;
האָסטו געמאַכט אַ גאָט דערפון...

אַליין

איך כאַפּ זיך אויף;
עס קושט מיר ווער די ליפּן,
די באַקן פלאַמען שיין;
איך זוך דאָס מויל
וואָס קושט מיך מיט דעם מאָרגן —
איך בלייב פאַרשעמט, אַליין...

איך זיץ אין פּאַרק;
אַ מיידל־האַנט מיך לאַסטשעט,
ס'איז מיר גוט אַף דעם האַרץ!
איך קוק זיך אום,
איך זוך די האַנט די גוטע —
און אַלץ ווערט פּלוצים שוואַרץ...

איך גיי אין גאַס;
עס רעדט צו מיר אַ שטימע,
— אַ שטימע פול מיט חן!
כ'הויב אויף מיין קאָפּ,
איך זוך דאָס מויל וואָס רעדט צו מיר —
איך בלייב פאַרשעמט, אַליין..

ווי אַ בלום

דו האָסט ווי אַ בלום זיך צעוויקלט מיין לעבן,
דיין איך אנטבלויזט פון אַלע פאַרבן;
איך האָב אין דיין ליכט זיך פאַרלוירן, אין וואונדער —
פאַרגעסן אין לעבן, אין שטאַרבן.

דו האָסט אין אַ ליד זיך פאַרוואַנדלט אַ שטאַרקער,
וואָס שלאָגט מיט דעם ריטם פון שטורם:
דו האָסט מיט דיין קראַפט מיך דערהויבן, מיין לעבן —
דערהויבן צום ליכט פון מיין חלום...

אין קדושה פון דערוואַרטונג

אין קדושה פון דערוואַרטונג
באַם ליכט פון מיינע ניט־דערוועבטע חלומות,
וואָס ציען זיך רייצנד
אין מאָרגן אַוועק —
וועל איך אַף דיר וואַרטן,
מיין חלום.

באַגינען —
ווען די מאָרגנזון וויקלט פון איר שוים זיך אַרויס,
וועל איך פאַר דיר תפלה'ן
צום גאָט פון די אָבות,
וועל איך פאַר דיר זינגען
דאָס ליד פון מיינע לידער.

באַטאָג —
ווען עס גרויסט זיך די זון אין איר העלקייט,
און דו וועסט אין בענקשאַפט
זיך צירן —
וועל איך דיך באַהיטן, באַשיצן —
באַהיטן, באַשיצן מיין לעבן.

בין השמשות —
אין דער לעצטער מינוט פון שקיעה,
וועל איך דיך צו דיין טרוים דערפירן —
קינד.

דיין נאָמען

איך זינג אויס דיין נאָמען באַטאָג בא דער אַרבעט,
און אָוונט ווען איך גיי אין גאַס ;
די באַקן זיך רויטלען דערביי אַזוי אינגליש —
די אויגן זיי ווערן מיר נאַס...

דיין נאָמען דערמאָנט מיך אין אַלץ וואָס איז הערלאַך,
אין מאָרגן וואָס קומט ווי אַ טרוים ;
איך זע דיך אין בלוי פון דעם הימל דעם קלאָרן,
איך הער דיך אין מורמלען פון בוים.

איך שיק אין דער שטיל פאַר דיר תפלות צום בורא,
דערמאָן אים אָן לעבן אָן דיין ;
און בעט אים ער זאָל דיך באַהיטן, באַשיצן,
באַהיטן, באַשיצן דיך מיין.

(ב)

איך טראָג דיין נאָמען אין מיין הארצן,
אין מיין הארצן טיף פאַרגראָבן ;
איך טרעף דיך אָן אױף אַלע וועגן,
און איך שעם זיך דיר דאָס זאָגן...

אין דרימל זינג איך אויס דיין נאָמען,
באַטאָג, באַנאַכט — ווען איך בין וואַך —
פאַר דער זון, לבנה, שטערן,
ווען איך טרויער און ווען איך לאַך.

פֿאַרלוירענער חלום

ווי אַ תּפֿלה פֿון אַ מענטש אַ פֿרומען,
מיין ליבע צו דיר, זי איז געקומען.

מיין האַרץ האָב איך ברייט געעפֿנט פֿאַר דיר;
לידער געזונגען צו דיר אָן אַ שיעור.

האָסט דיין קאָפּ אָן אַ זייט ניט פֿאַרבויגן,
מיט פֿרייד, פֿאַרקערט — מיר געקוקט אין די אויגן.

איך האָב זיך געפֿריידט, געבאָדן אין גליק,
קלאָר ניט פֿאַרשטאַנען דעם מיין פֿון דיין בליק —

ביז ווען ס'האָט געשלאָגן פֿון פֿרייד די שעה,
האָט ווער מיר געזאָגט: — „ס'איז קיין ליבע ניטאָ..."

צו באַסקען

מיין מאַמעס צניעות קוקט אַראָפּ פֿון דיינע אויגן;
דער שטומער צער פֿון מיין מאַמעס יונגע יאָר,
רעדט צו מיר אַראָפּ
פֿון דעם געפֿלעכט פֿון דיינע האָר.

און אַז באַגינען־פֿרייד זיך צעפּלט
אין באַריר פֿון דיינע הענט,
וואָס הויבן זיך אין בענטשונג
פֿאַר דעם מאָרגנליכט וואָס קומט —
פֿאַל איך אין קניען,
צווישן דיינע ווענט —
אין אַ לויב צו דעם וואָס שאַפֿט.

פרילינג

דער ווײַן פון ליבע — דאָס בין איך!
שטעל אָן דײַן כּוס און גיס;
דאָס שײנע מױל דײַנס מאַך נאָר אויף,
און טרינק צו זאַט — געניס!

(א)

דו האָסט מײַן בליק פאַרכאַפּט, דו װײסט —
איך דאַרף דאָס דיר ניט זאָגן!
איך בין פאַרפירט פון דײַנע טריט,
מײַן האַרץ אַזױ טוט נאָגן.

(ב)

װאַך אויף מײַן ליד, פאַר דיר מײַן קרױן,
זון פון זונענלאַנד פון זונען;
טראָג מײַן פרײד זיך הויך פאַנאַנדער,
פאַר דעם ליכט װאָס האָב געפונען.

(ג)

מיין פרייד זינגט איצט פון דיר ארויס,
זי האָט צו זיך קיין גלייכן —
דיין אומעט רעגט זיך אַף מיין שויס,
אין גלאַנץ פון מיינע רייכן.

דיינע אויגן, די פאַרבענקטע —
ציען מיך צו דיר אַזוי;
יעדע רגע — אַ געשענקטע
איז מיט דיר, מיין מיידל־פרוי...

מאַך אויף דיין מויל, באַווייז די ציין
די הירשנביין די שיינע;
לאַך הויך און זיס, ווי נאָר דו קענסט —
דו מיידל מיינע, איינע.

הויב אויף דיין קאָפּ, דיין ליכט באַווייז
פאַר מיר דיין אויסדערוויילטן;
אַ לאָז דעם פרילינג ניט אַוועק,
דעם איינציקן געציילטן.

שטעל אָן דיין מויל, דיין קוואַל מאַך אויף
דעם שטאַרקן און דעם זיסן;
און איך, ווי דו — וועל טון אַזוי:
אין קושן וועל דיך גריסן!

(ד)

דו האָסט געוואַרט, אַף מיר אַליין —
בין איך צו דיר געקומען;
דו האָסט געגאַרט בלויז מיך צו זען —
מיין האַרץ האָט דיך באַנומען.

דו האָסט געבענקט נאָך מיר, דיין פרייד —
צו מיר אַליין געצויגן;
דו האָסט געפונען דיין באַשייד
אין ליכט פון מיינע אויגן.

1

דיין בליק איז פארבליבן
מיר שטיין פאַר די אויגן,
איך קאָן זיך מיט אים שוין ניט שיידן ;
ווען דו האָסט פארבלאָנדזשעט
צו מיר אין מיין הארצן,
וועל איך צו דיר שוין אייביק ריידן.

2

דיין געליבטער ווייסט פון גאַרניט,
און ער וויל פון גאַרניט וויסן ;
גאָט האָט אים אַ הארץ געגיבן,
בלויז פון ליבע צו געניסן.

גאָט האָט אים אַ הארץ געגיבן,
בלויז פון ליבע צו געניסן...

3

מיין ליבע פון הארצן
זי איז אזוי גרויס:
צי שטראַלט ניט דאָס לעבן
פון איר דאָרט אַרויס?

און די וואָס געניסט נאָר
דעם ווייַן פון מיין קוואַל,
וועט קיינמאָל ניט וויסן
פון לעבן די גאַל.

וועט קיינמאָל ניט וויסן
פון לעבן די גאַל.

4

דיין אומגעבונג איז מיר טייער,
צי דו ליבסט מיך, יאָ צי ניין;
ס'ליבט מיין הארץ מיט הייסן פייער
דיך אַליין נאָר, דיך אַליין.

ס'ליבט מיין הארץ מיט הייסן פייער
דיך אַליין נאָר, דיך אַליין.

5

עס ציען די טעג זיך אזוי מאָנאָטאָן,
די נעכט ווארפן אָן אַף מיר אַ שרעק;
זינלאָז פארגייען די שעה'ן מיינע,
טראַכטנדיק און וואַרטנדיק אַף דיר.

זינלאָז פארגייען די שעה'ן מיינע,
טראַכטנדיק און וואַרטנדיק אַף דיר.

6

פריער אָדער שפּעטער וועסטו זיך באַווייזן,
שטראַלנדיק פון פרייד און פון גליק;
די זוניקע טעג פון האָפן און גלויבן,
זיי וועלן נאָך קומען צוריק.

די זוניקע טעג פון האָפן און גלויבן,
זיי וועלן נאָך קומען צוריק.

7

אַלץ וואָס כ'האָב געזאָגט,
האָב איך אויך געמיינט:
געפילן פון הארצן
פאַר דיר אויסגעוויינט.

געפילן פון הארצן
פאַר דיר אויסגעוויינט.

8

מאַך אויף דיין האַרץ, דאָס מענטשלאַך גרויסע —
בריינג דיין אמת פאַר מיין ליכט:
זאָג וואָס האָסט און דאַרפסט מיר זאָגן,
זאָג מיר קלאָר, מיין האַרץ־געדיכט.

זאָג וואָס האָסט און דאַרפסט מיר זאָגן,
זאָג מיר קלאָר, מיין האַרץ־געדיכט.

9

כ'האָב לידער אַ סך דיר געזונגען,
דעם סוד פון מיין האַרץ דיר דערקלערט;
עס איז וואָס אין מיר דאָך פאַרבליבן
וואָס קאָן גאָרניט ווערן דערציילט . . .

עס איז וואָס אין מיר דאָך פאַרבליבן
וואָס קאָן גאָרניט ווערן דערציילט . . .

10

ריין שווייגן באַוועגט מיך צו טראַכטן,
צו טראַכטן און פילן אָן שיער;
אַ וואו נאָר איך קער זיך און ווענד זיך,
שלאָג איך זיך אַלץ איינס אָן, אָן דיר . . .

אַ וואו נאָר איך קער זיך און ווענד זיך
שלאָג איך זיך אַלץ איינס אָן, אָן דיר . . .

איך קום

איך קום ווי א חלום און גיי אוועק
מיט דעם געפיל, צו קומען ווידער —
און פאַר דיר אָן אויפהער ווידער זינגען
מיינע ניט־געזונגענע לידער.

דער פייגלינג

אַ ווייס איך קאן ניט קומען,
מיין האַרץ איז צו פאַרקלעמט;
מיין צונג איז אַפּגענומען,
איך בין פאַרשעמט, פאַרשעמט...

איך וויל און קאָן ניט ריידן,
מיין האַלדז איז מיר פאַרשטיקט;
איך שטורם מיט געפילן —
מיין האַרץ אַזש ווערט צופליקט...

און בין איך יאָ געקומען,
און האָב איך דיך דערזען,
בין איך אַזוי געבליבן
פאַרווירט, מטושטש שטיין...

איך האָב אַזוי געליטן,
געציטערט אַ מאָמענט;
כ'האָב געגאַרט דיך צערטלען,
דאָך האָב איך ניט געקענט!

ביז כ'האָב אַזוי פאַר ווייטיק,
געשיידט זיך מיט אַ בליק;
דיין הויז ניט רעכט פאַרלאָזן
און שוין געבענקט צוריק...

ווי אין חלום

דו האָסט מיר געהייסן
ניט קומען צו דיר,
האָב איך זיך פאַרגראָבן
אין צימער בא מיר...
האָב איך זיך פאַרגראָבן
אין צימער באַ מיר,—
און שטיל זיך גע'חלומ'ט,
גע'חלומ'ט פון דיר...

איך זע דיך וואו זיצן
ווי איך דאָ, אליין —
מיט אויגן פאַר'חלומ'ט
ווי כ'האָב דיך געזען...
מיט אויגן פאַר'חלומ'ט,
ווי כ'האָב דיך געזען —
ערשט נעכטן אין אָוונט,
ווי דו ביזט געווען...

דו זינגסט פון דיין ליבע
באַשיידן און שיין;
די אויגן זיך גרויסן,
ווי קיינמאָל געווען...
די אויגן זיך גרויסן,
ווי קיינמאָל געווען —
און איך, דיין געליבטער,
קום פּלוצים צוגיין...

איך קום ווי אין חלום
עס קומט א געזאַנג;
עס האָט מיך דיין ליבע,
געבראַכט — דיין פאַרלאַנג...
עס האָט מיך דיין ליבע,
געבראַכט, דיין פאַרלאַנג —
דו האָסט מיך פאַר'שיכור'ט,
דיין חלום, — אָן באַנג...

און ביידע מיר בלייבן,
שוין זיצן וואו דאָרט;
עס טונקלט אוועק זיך
די צייט און דאָס אָרט...
עס טונקלט אוועק זיך
די צייט און דאָס אָרט —
און ביידע מיר ליבן
אָן אויפהער זיך דאָרט...

צו דער פרוי

דו זאָגסט מיר זאָלן גיין אהין,
איז אַז דו ווילסט — זאָל זיין אַזוי!
עס מאַכט ניט צי ס'איז גוט, צי ניין —
כאָטש איך בין האר, נאָר דו — די פרוי!...

דער האַר בין איך, נאָר דו — די פרוי,
און וואָס דו גארסט וועל איך אָ טון;
דו ביסט דער קוואַל פון וואָס איך שעפּ,
און טרינק זיך ביז צו שיכרות אָן.

איך טרינק זיך ביז צו שיכרות אָן,
און זינג מיין ליד, דערנאָך מיט פרייד;
עס מאַכט ניט צי פארשטייסט צי ניט —
דעם זין דערפון — פון מיין באַשייד.

דער האַר בין איך, און דו — די פרוי,
און וואו דו ווילסט, מיך פיר — איך גיי!
אין יעדן שאָרך פון דיינע טריט,
אַ גאָט אַליין איך הער, איך זע!...

צו דיר

נעם צעניוף די יונגע כחות,
קום ארויס אין וועג;
קום באווייז זיך, מיט דיין אמת,
קום! בא קיינעם פרעג.

קום, באפרוכפער דאָ דיין עבר,
און דיין איצט באשיין:
זאָלן שטוינען דיינע שונאים,
דיך אין שטוינען זען.

זאָלן זיי דיך זען אין בליען,
מייד ניט אוים זיי׳ר בליק —
די וואָס האסן דעם פון מאָרגן,
וויסן פון זיין גליק...

מאָרגן וועל איך קומען

מאָרגן וועל איך קומען,
א לויכטנדע פרייד —
אָן ווערטער דיך גריסן
מיין קרוין, מיין באשייד.

דו וועסט מיך דערקענען,
אזוי ווי געוועז! —
פאר פרייד ניט באמערקן
וואָס מיר איז געשען...

איך וועל דיך דערמאָנען
אין אלץ פון אמאָל;
אין שטילע פארנאכטן,
באם ברעג דאָרט אין טאָל —

מיר וועלן אין שווייגן
פארבלייבן א צייט,
און דאן — ווידער בלייבן
באזונדער, פון ווייט...

באַ די ברעגן פון מיין אומעט

באַ די ברעגן פון מיין אומעט
לויכטן דיינע אויגן . . .
מיינע בליקן
וואַנדערן אַרום באַשיידן,
צווישן מיר און דיינע פריידן . . .

ביידנס הערצער שלאָגן אָן אַן אויפהער,
און דיין פרייד
גאַרט זיך מיט מיין אומעט צו באַהעפטן . . .

בלענדנד פאַלן דיינע בליקן אַף מיין פּנים,
וואַרימען אַ בענקשאַפט
אין מיין האַרץ מיר אויס,
נאָך דעם וויין פון דיינע ליפּן. —

באַ די ברעגן פון מיין אומעט.

אָ זאָג מיר —

אָ זאָג מיר קינד מיינס, זאָג איך בעט דיך,
אָ זאָג מיר וואו דו ביזט אצינד;
וואוהין האָט דיך דער ווינט פארטראָגן,
אָ זאָג איך בעט דיך, זאָג מיר קינד!

איך טראָג דיך פארבאָרגן אין הארצן;
איך תפלה פאר דיר אָפט אין נאכט,
און וואו נאָר איך טו זיך געפינען
פון דיר נאָר איך טראכט און איך טראכט.

און אָפט מאָל פארליר איך אין וועג זיך,
דיין ליכט מיינע אויגן פארבלענדט —
איך וואנדער מיט דיר אום אין חלום,
דו פירסט מיך אין טרוים פאר די הענט.

דו פירסט פאר די הענט אין דער שטיל מיך,
אז גוט ווערט מיר גוט אף דעם הארץ;
ביז ווען אף דער ערד איך געפין זיך,
מיר ווערט אין די אויגן אזש שווארץ..

און דאן ערשט פארזינק איך אין טרויער,
ווי דאָס וואָלט ערשט איצט אָ געשען —
מיין הארץ הויבט אָן העכער צו שלאָגן,
פארגייט זיך דערביי אין געוויין...

איך וואנדער ארוים פון מיין חלום
אין עלנט באזונדער אליין —
און לאָז זיך אליין אף די וועגן,
וואו איך ווער פון קיינעם געזען.

איך טראָג ווי דער ווינט זיך מיט צאָרן
אהין אין דעם גאָלדענעם אָרט —
וואו איך, בא דיין וויג בין געשטאנען
געצערטלט, געלאסטשעט דיך — דאָרט.

און דאָרט ערשט צ׳ זע איך דיך ווידער
אין אויפגלאנץ אין דיינעם, ווי שיין! —
און דאָרט וואכן אויף מיינע לידער,
וואָס זינגען אָן מיר זיך — אליין!...

שפעט

שפעט ביסטו צו מיר געקומען
ס'איז מיין פרילינג לאנג פארביי;
איך קאן פאר דיר אצינד ניט זינגען
מער קיין לידער, ווי אין מאי.

ס'האט דער הארבסט מיין הארץ געפאנגען;
כ'בין שוין לאנג ניט וואס געוועז;
כ'האב מיין טאג שוין אנגעוואוירן,
ס'האט די נאכט מיך שוין געזען...

ס'איז מיין רוקן איינגעבויגן,
און מיין קאפ ווי בליי איז שווער:
ס'האט דאס לעבן שוין קיין זין ניט
אין די אויגן מיינע מער.

פרעמדע.

פרעמדע זיינען מיר געבליבן
איך און דו,
דו און איך —
צו זיך אליין — צו אלץ.

און אויב מיר ריידן גוטע רייד נאך היינט,
און אויב מיר טרייסטן זיך
אין אונדזער ווארט־געשפיל —
ווייסן מיר און פילן,
דעם פאלשן מיין דערפון;
די מיילער אונדזערע
ריידן ניט,
די אויגן אונדזערע
זעען ניט,
וואס דער מח טראכט,
וואס דאס הארץ פילט...

און אויב עס ווערט דאס ווארט אונדז נמאס,
און אויב מיר שרעקן זיך
דעם אמת אף די ליפן ברענגען —
דריקן מיר צענויף די ליפן
אין א פלוך,
מיט א טרער אין קעל פארשטיקט —
און מיר שווייגן אוים
א ליד פון יאוש,
געזאנג אן רייד —
און מיר ווייסן און מיר פילן
ווי עס פייניקן זיך טעג
אין־און־ארום
אונדזערע לעבנס,
וואס פארגראבן דעם אויפגאנג אונדזערן. —

פרעמדע זיינען מיר אף תמיד זיך געבליבן.

אינהאלט

שער-בלאט געצייכנט פון טאדרעס געלער

פון דער פרעמד

דאס ליד פון דעם וואגאבונד — 5
פון דער פרעמד — 6-7
פון דעם מערב לאנד — קאנאדא — 8
מיין גורל — 9-10
צפון ליכט — 11
מיינע וועגן — 11
אייביק — 12
מיין ארט — 12
מיין געזאנג צו מרדכי מילער — 13-17
מיינע וועגן — 18
דאס ליד פון וויין און יום טוב — 18
שלמה — 19-28
פון א בריוו — 29-30
פרייד — 31
ער — 32
צווישן טירן — 32
דו — 32
אפענע וואונדן — 33
אף די וועגן — 34
אין פארבנרייך — 34
אז דער ווינט — 35
פאר דיר — 36
די שעה — 36
קאליפארניע — 37-39
די לבנה, איד און יעהאווא — 40

פון מיינע טעג

אזוי וועט דאס זיין — 43
אין דער שעה פון מיין שקיעה — 44
צווישן טויט און לעבן — 45-46
טעג — 47
שעה'ן — 47-48
דאס ליד פון טויט — 49
די טעג פון מיין אומשולד — 50
נאך מיין טויט — 50
צו אן עקר — 51
מיין האב און גוטס — 51
דאס ליד פון אונטערגאנג — 52
דאס ליד פון בטחון — 53
דאס ליכט פון דער צוקונפט — 53-54
נעכט — 55-56
א שולדיקער — 57
איך — 57
דאס ליד פון חרטה — 58
והיה באחרית הימים — 58
אוונט — 58
שפוך חמתך — 59
דורך דער בלינדקייט — 59
פון מיינע טעג — 59
מיין אוונט-געזאנג — 60
מארגן — 60
נביאות — 60
דאס ליד פון דעם ניט-געבוירענעם 61-62
מיר — 63
אלטער זאגט — 63
ממעמקים — 64-65
מיין טיש — 65
פון שטורם — 66
מעלאנכאליע — 67
צו גאט — 67
איך און ער — 68

אן א נאמען

אליין — 71
מיינע ניט געבוירענע קינדער — 72
אין געזאנג פון לעבן — 73-74
אף די חורבות — 74
פאר די שבת-ליכט — 75-76
צו מיין מאמען — 76
אונט-טרוים — 77
טראג אוועק — 77
מיינע קינדער — 78
אברהם רייזין — 79
מיין אומעט — 80
בלינדע — 80
צו דיר — א מענטש — 81
איך און מיינע יארן — 82
אונדזער הארץ — 83
א קללה — 83
מענטש — 83
דאס לעבן — 84
צו מיין דערלייזער — 84
דער שניי-מענטש און די קינדערלאך 85
צום מענטש — 86
צום מארגן — 86
צום קוואל — 87
מיר איז גוט — 87
זון — 87
איך מעג — 88
צו דער שטאט — 89
באם ראנד — 89
אין וועלדל באם טייך — 90
קינדער — 90
צו דיר — 91
שוואנען — 92
מיין הויז — 92
צו גאט — 93
אין די וויגן — 93
אין וועג — 94
דער פויער זאגט — 94
נאכט — 95
מיר — 95
די פרווי — 95
דער הפקר יונג — 96-98
פשטות — 99
ליכט — 99
ערד — 99
אזוי — 100

איך און דו

מיין ליכטיק טעכטערל — יוכבד — 103
איך און דו — 104
לידער צו אַ פרוי — 105-6
אַ פרעג ניט — 107-8
אַליין — 109
ווי אַ בלום — 109
אין קדושה פון דערוואַרטונג — 110
דיין נאָמען — 111
פאַרלוירענער חלום — 112
צו כאַסקען — 112
פרילינג — 113-14
דיין בליק — 115-17
איך קום — 118
דער פייגלינג — 118
ווי אין חלום — 119-20
צו דער פרוי — 121
צו דיר — 122
מאָרגן וועל איך קומען — 122
בײַ די ברעגן פון מיין אומעט — 123
אַ זאָג מיר — 124
שפּעט — 125
פרעמדע — 126

פון דער פרעמד

אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע חברים, מיט דעם מיטווירק פון דעם

ל. אַ.
אידישער קלוב

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע
1929

35